NEW

# לקוטי שיחות

MIKEITZ-CHANUKAH מקץ-חנוכה

VOLUME 1, P. 85-94

# LIKKUTEI SICHOS

INSIGHTS INTO THE WEEKLY PARSHA

BY THE LUBAVITCHER REBBE

Dedicated to

# Emmanuel (Mendel) Karp

*1905 - 1989*

son of Bernard (Berl) and Rose (Rezele)

Manny Karp was born in the United States, in 1905. His first language was Yiddish. Losing his mother to the Spanish Flu shaped his resilience and commitment to helping others, ultimately leading to a career as a guidance counselor in Philadelphia public schools. He also served many years as the director of Camp Akiba in the Poconos.

Karp's legacy is characterized by his optimism and unwavering dedication to learning and mentorship. Emmanuel Karp died in 1989.

# MIKEITZ I | מקץ א

Adapted from a *sichah* delivered on the festival of Redemption, *Yud-Tes* Kislev,[1] 5717 (1956)

## Introduction

In a dream world, anything can happen. When a person is awake, his mind functions with order and structure; there are logical limits and patterns, but when dreaming, there are no bounds to his imagination and he can fantasize the impossible – the impossible good, but also its opposite.

In the era of exile, "we are like dreamers"[2] – the spiritual structure of the world is topsy-turvy. G-dliness is hidden, the world appears to run on its own, and what is good and what is bad is not apparent. But this dream-state also allows for positive developments that defy our logical thought, leading to good beyond our ordinary conception.

This understanding revolutionizes how we approach Divine service in this era. No matter what our level, we can ascend incomprehensibly higher. Moreover, even if our conduct is entirely outside the realm of holiness, in one moment, we can transform ourselves, changing radically and reaching the loftiest levels.

---

1. In the year the *sichah* was delivered, *Yud-Tes* Kislev fell on Friday. Thus, the *Yud-Tes* Kislev *farbrengen* was held *Motze'ei Shabbos,* 20 Kislev.

2. Cf. *Tehillim* 126:1; cited in *Torah Or,* p. 28c.

# Waking from a Dream World

## Where Dreams Lead

**1.** At the beginning of *Parshas Mikeitz,* the Torah speaks of Pharaoh's dreams.[1] Similarly, *Parshas Vayeishev,* the Torah portion of the previous week, speaks of dreams – Yosef's dreams[2] and the dreams of Pharaoh's chief butler and chief baker.[3]

All of these dreams were contributing factors leading to the exile in Egypt, the root of all exiles.[4] Since everything occurs due to Divine Providence it follows logically that the consequence – exile – shares a connection with and resembles the contributing factors: dreams.

א. אִין אָנְהוֹיבּ פוּן פַּרְשַׁת מִקֵּץ, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אִין דֶער פְּרִיעֶרְדִיקֶער סֶדְרָה, וַיֵּשֶׁב, דֶערְצֵיילְט דִי תּוֹרָה וֶועגְן חֲלוֹמוֹת: דֶער חָלוֹם פוּן פַּרְעֹה'ן (אִין פַּרְשַׁת מִקֵּץ) אוּן דֶער חָלוֹם פוּן יוֹסֵף'ן, מִיט דִי חֲלוֹמוֹת פוּן שַׂר הַמַּשְׁקִים אוּן שַׂר הָאוֹפִים (אִין פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב).

דִי אַלֶע חֲלוֹמוֹת זַיְינֶען גֶעוֶועזְן סִיבּוֹת וֶועלְכֶע הָאבְּן גֶעבְּרַאכְט צוּ גָלוּת מִצְרַיִם - דֶער שֹׁרֶשׁ פוּן אַלֶע גָלֻיּוֹת[א]. אַזוֹי וִוי אַלֶע עִנְיָנִים זַיְינֶען בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, מִמֵּילָא אִיז פַאְרשְׁטֶעְנְדְלֶעךְ, אַז דֶער מְסוּבָּב - גָּלוּת, הָאט אַ שַׁיְיכוּת אוּן אִיז עֶנְלֶעךְ צוּ דֶער סִיבָּה - חָלוֹם.

## A Level Above Contradictions

2. As explained in various sources including *Torah Or,*[5] the connection between exile and dreams is that dreams stem from the power of imagination, which allows for two opposites to coexist simultaneously. Indeed, if a person thought about the matter beforehand,[6] he could dream about seeing an elephant fit through a needle-hole.

Exile allows for contradictions of a similar nature.[7] A person may think that he loves G-d, and yet, he also loves his own body, even

ב. דִי שַׁיְיכוּת פוּן גָלוּת צוּ חָלוֹם וֶוערְט דֶערְקְלֶערְט אִין פַאְרשִׁידֶענֶע עֶרְטֶער, אוּן אוֹיךְ אִין תּוֹרָה אוֹר[ב], אַז חָלוֹם נֶעמְט זִיךְ פוּן כֹּחַ הַמְדַמֶּה (פָאְרשְׁטֶעלוּנְגְס-כֹּחַ), וֶועלְכֶער פַאְרַאֵיינִיקְט צְווֵיי קֶעגְנְזַאצְן צוּזַאמֶען, בִּיז אֲפִילוּ "פִּילָא בְּקוּפָא דְמַחֲטָא" (אַן עֶלְפַאנְט אִין אַן אוֹיעֶר פוּן אַ נָאדְל), אוֹיבּ עֶר הָאט נָאר פְּרִיעֶר גֶעטְרַאכְט וֶועגְן דֶעם[ג].

אַזוֹי אוֹיךְ אִין דֶער צַיְיט פוּן גָלוּת, דוּכְט זִיךְ אִים אוֹיס אַז עֶר הָאט לִיבּ דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט עֶר

1. *Bereishis* 41:1-7.

2. Ibid. 37:5-9.

3. Ibid. 40:5-19.

**4. *Likkutei Torah* of the *Arizal, Parshas Ki Seitzei.***

**5. *Torah Or*, p. 28c** ff.

**6. See *Berachos* 55b.** Although the Talmud states that a person cannot dream about such a matter, if a person thought about the matter during the day, it is possible for him to dream about it at night (the Rebbe's *Igros Kodesh,* Vol. 3, p. 234).

7. When a person is asleep, his conscious faculties are withdrawn and two opposites can exist simultaneously. By contrast when he wakes, his conscious faculties return and such contradictions are no longer tenable within his mind.

**though these two** loves **cannot exist simultaneously.**[8] He may live with this inner dichotomy **to the extent that,** despite his feelings of love for G-d – **as explained elsewhere – he can be inundated by his** bodily **desires and, furthermore, even violate G-d's will.**

**Nevertheless,** ***Torah Or*** **concludes**[5] that such internal contradictions are consistent with the state of exile; for example, **after prayer, a person may act in a manner opposite to the feelings he experienced during prayer. One should not think that** such conduct **proves that the person's prayers, Torah study, and fulfillment of** ***mitzvos*** **are worthless. This is not true. Instead,** the possibility results because exile is comparable to a dream state. Just as **dreams originate from a very lofty source,** one so transcendent in nature that it allows for the coexistence of opposites, so too, a source that is similarly transcendent **shines forth specifically in the era of exile. (Consult that source,**[5] **where this is explained at length.)**

לִיבּ זַיְין אֵייגֶעגֶעם גוּף - כָאטשׁ בֵּיידֶע זַאכְן קֶענֶען גְלַייכְצַייטִיק נִיט גֶעמָאלְט זַיְין, בִּיז וַואנֶען אַז (וִוי עֶס ווֶערְט אִין אַ צְווַייטְן אָרְט דֶערְקְלֶערְט) עֶר קֶען לִיגְן אִין תַּאֲווֹת אוּן אֲפִילוּ עוֹבֵר זַיְין אוֹיף דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס רָצוֹן.

פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן, פִּירְט עֶר אוֹיס דָארְט אִין תּוֹרָה אוֹר, זָאל מֶען נִיט מֵיינֶען, אַז וִויבַּאלְד אַז נָאכְן דַאווְנֶען קֶען עֶר טָאן פַארְקֶערְט וִוי עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אִין דַאווְנֶען אִיז אַ רַאְיָה אַז זַיְין תְּפִלָּה מִיט דִי תּוֹרָה וּמִצְוֹת זַיְינֶען גָארְנִישְׁט, - אִיז דָאס נִיט אַזוֹי. דֶער שֹׁרֶשׁ פוּן חָלוֹם אִיז פוּן זֵייעֶר אַ הוֹיכְן אָרְט אוּן דָאס לַייכְט בִּזְמַן הַגָּלוּת דַוְקָא (יְעוּיַּן שָׁם בַּאֲרוּכָה).

## The Timeless and the Transient

3. **To clarify** the lesson that we can derive from the above **regarding our own spiritual service: Every Jew's soul is always whole and the Torah** he studies **and the** ***mitzvos*** **he observes are eternal.**[9] **By contrast, his undesirable actions are merely of a passing nature, for every Jew will ultimately** turn to G-d in ***teshuvah.***[10] **Accordingly, even at present, these** undesirable acts **are** merely **temporary. They are like the "lying rivers"** which, as described by our Sages,[11] dry up even once in seven years. Hence, even when water is flowing in them, since they will later dry up, that water is not considered "living water," and is not valid for use in the ritual purification of a person who became ritually impure due to contact with a human corpse.[12]

ג. דִי דֶערְקְלֶערוּנְג דֶערְפוּן אִין עֲבוֹדָה בְּנֶפֶשׁ הָאָדָם אִיז:

בַּיי יֶעדֶער אִידְן אִיז דֶער נֶפֶשׁ הָאֱלֹקִית אַלֶע מָאל גַאנְץ. דִי תּוֹרָה וּמִצְוֹת ווָאס אַ אִיד טוּט זַיְינֶען אֵייבִּיק - לְעוֹלָם וָעֶד[ד]. דַאקֶעגְן דִי נִיט רִיכְטִיקֶע זַאכְן ווָאס עֶר טוּט זַיְינֶען מֶער נִיט וִוי צַייטְווַיְילִיק (ווַיְיל יֶעדֶער אִיד ווֶעט דָאךְ סוֹף־כָּל־סוֹף תְּשׁוּבָה טָאן), בְּמֵילָא אִיז אוֹיךְ אִיצְטֶער זַיְינֶען זֵיי נִיט קֵיין דָּבָר שֶׁל קַיָּמָא (שְׁטֶענְדִיקֶע זַאךְ), אוּן אַזוֹי וִוי נְהָרוֹת הַמְכַזְּבִין[ה] (טַייכְן ווֶעלְכֶע טְרִיקֶענֶען אוֹיס).

---

8. See *Chovos HaLevavos, Shaar* 8, ch. 3, ofen 25, cited in *Sefer HaMaamarim 5700,* p. 76.

**9. *Tanya,* ch. 25.**

10. *Tanya,* ch. 39; the Alter Rebbe's *Shulchan Aruch, Hilchos Talmud Torah* 4:3.

**11. *Parah* 8:9. See *Likkutei Sichos,* Vol. 1, p. 36, footnote 22.**

12. The purification rites for such a person require *mayim chayim,* "living water," water from a stream or spring that does not dry up.

For similar **reasons, evil can never outweigh good, for evil is not enduring, while good always remains constant.**

און דֶערְפַאר קֶען נִיט דֶער רַע אִיבֶּערְוֶועגְן חַס וְשָׁלוֹם דֶעם טוֹב, וַוייל עֶר אִיז נִיט קֵיין דָבָר שֶׁל קַיָּמָא, דַאקֶעגְן דֶער טוֹב אִיז אַלֶע מָאל גַאנְץ.

The above explanations highlight **an advantage that the era of exile possesses over the era of the *Beis HaMikdash*. In the era of the *Beis HaMikdash*, the *kochos p'nimim,* the internal powers of the soul** – i.e., the powers of thought, feeling, and the like – **shone forth** powerfully.[13] **These** powers **have** inherent **limitations** – what is holy is holy and what is impure is impure; the two cannot coexist. **Thus, an impure person may not enter the *Beis HaMikdash*.**[14]

און אִין דֶעם אִיז דָא אַ מַעֲלָה אִין זְמַן הַגָּלוּת אוֹיפְן זְמַן הַבַּיִת: אִין זְמַן הַבַּיִת הָאבְּן גֶעלוֹיכְטְן דִי כֹּחוֹת "פְּנִימִיִּים" (אִינֶעוֵוייניקְסְטֶע כֹּחוֹת פוּן דֶער נְשָׁמָה). און אוֹיף דֶעם אִיז דָא אַ הַגְבָּלָה (בַּאגְרֶענֶעצוּנְג), דֶערְפַאר טָאר אַ טָמֵא נִיט אַרַיינְקוּמֶען אִין מִקְדָּשׁ. אָבֶּער אִין זְמַן פוּן גָּלוּת לַייכְטְן דִי כֹּחוֹת מַקִּיפִים פוּן נְשָׁמָה, און אִין דֶעם זַיינֶען נִיטָא קֵיינֶע בַּאגְרֶענֶעצוּנְגֶען, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט: הַשּׁוֹכֵן אִתָּם בְּתוֹךְ טֻמְאוֹתָם.

**In the era of exile, by contrast, the encompassing powers (the *kochos makifim*) of the soul**[15] **shine forth, and regarding them, there are no limitations. In a similar vein, the Torah relates**[16] how G-d **"dwells with you, amidst your impurity."**

## Abnormal Times Call for Unusual Responses

**4. A practical lesson to derive from the above** concepts:

ד. דִי הוֹרָאָה בְּפוֹעַל פוּן דֶעם אִיז:

**There are those who err and maintain that the only path in Divine service is to follow a step-by-step** progression, advancing **from easier** tasks **to** more **difficult** ones. **Until one has completed the initial stages, he cannot** even **begin to think of** proceeding to **more advanced ones.**

**Such an approach would be appropriate if every dimension of the person's** conduct **were** well-arranged and **orderly. However,** in the present era, **"we are like dreamers."**[17] In other words, the nature of the

נִיט וִוי דִי וֶועלְכֶע הָאבְּן אַ טָעוּת און מֵיינֶען אַז דֶער אֵיינְצִיקֶער מֶעגְלֶעכֶער וֶועג אִיז גֵיין מִיט אַ מְסוּדָּר'דִיקֶער עֲבוֹדָה פוּן גְרִינְגֶער צוּ שְׁוֶוערֶער, און כָּל זְמַן עֶר אִיז נִיט פַארְטִיק מִיט דִי עֶרְשְׁטֶע טְרֶעפּ קֶען עֶר נִיט אָנְהוֹיבְּן טְרַאכְטְן וֶועגְן דִי הֶעכֶערֶע טְרֶעפּ. דָאס וָואלְט גֶעוֶוען רִיכְטִיק אוֹיב אַלֶע עִנְיָנִים וָואלְטְן גֶעוֶוען בַּיי אִים מְסוּדָּר'דִיק. וִוייבַּאלְד אָבֶּער אַז "הָיִינוּ כְּחוֹלְמִים",

---

13. See *Sefer HaMaamarim 5709*, p. 108, sec. 2.

14. See *Bamidbar* 5:2.

The powers mentioned above are described as internal, because they relate to specific organs of the body – the intellectual powers to the brain, the emotional powers to the heart – and also because they are controlled by a person's conscious thought.

15. The term *kochos makifim,* "encompassing powers" refers to powers, such as will, pleasure, and faith, that are called encompassing because a) they do not relate to any specific organ of the body, but rather to the person as a totality, and b) they are not under the control of a person's conscious will.

16. *Vayikra* 16:16. See ***sichas Chag HaPesach,*** **5718,** printed in *Likkutei Sichos,* Vol. 1, p. 247 where this concept is developed further.

17. Cf. *Tehillim* 126:1; cited in *Torah Or, loc. cit.,* concerning the comparison between the era of exile and dreams.

times allows for the coexistence of opposites, as mentioned above. Accordingly, our Divine service need not conform to logical structures. **One can – and should – carry out any type of Divine service that presents itself, following** the spiritual parallel implied by **our Sages' directive,**[18] **"Grab and eat; grab and drink,"** i.e., seize the opportunity to carry out a *mitzvah* whenever the opportunity presents itself.

קֶען מֶען, און דַארְף מֶען, טָאן יֶעדֶע עֲבוֹדָה אִין עֲבוֹדַת ה' וָואס קוּמְט צוּ דֶער הַאנְט, לוֹיט דֶער אָנְווַיְיזוּנְג פוּן רַז"ל[ח], חֲטוֹף וֶאֱכוֹל חֲטוֹף וְאִישְׁתִּי.

**Even a person whose** spiritual level has fallen **to the degree that "it is impossible [for him]… to begin serving G-d unless he first repents for [his] past,"**[19] should not abandon hope. Regardless of his past conduct, he should seize whatever opportunity to serve G-d that presents itself. As **the Alter Rebbe rules in *Tanya***[20] – which communicates **the Torah's inner,** mystical **dimension** (***pnimiyus haTorah***),[21] **and in his *Shulchan Aruch,***[22] which communicates its **revealed,** legal **framework** (***galya d'Torah***) – **such a person should also study the Torah and observe *mitzvos*. True,** until he repents, **he is adding energy** to the forces of impurity. **Nevertheless, he is assured that "no one [will remain perpetually] estranged from Him"**[23] **and** when he ultimately returns to G-d in *teshuvah,* **the Torah** he studied **and the *mitzvos*** he observed **will also return with him.**

און אֲפִילוּ דֶער וָואס אִיז אִין אַזַא מַצָּב וָואס אוֹיף אִים שְׁטֵייט[ט] "אִי אֶפְשָׁר... לְהַתְחִיל לַעֲבוֹד ה' בְּלִי שֶׁיַּעֲשֶׂה תְּשׁוּבָה עַל הֶעָבָר תְּחִלָּה", פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פַּסְקֶ'נְט דֶער אַלְטֶער רֶבִּי אִין תַּנְיָא[י] - פְּנִימִיּוּת הַתּוֹרָה, און אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ[יא] - גַּלְיָא דְתוֹרָה, אַז אוֹיךְ עֶר זָאל לֶערְנֶען תּוֹרָה און מְקַיֵּים זַיְין מִצְוֹת. כָאטשׁ אַז דֶערְווַיְיל אִיז עֶר מוֹסִיף כֹּחַ כו', מִכָּל מָקוֹם אִיז עֶר דָאךְ זִיכֶער שֶׁלֹּא יִדַּח מִמֶּנּוּ נִדָּח, און דֶעמָאלְט וֶועט דָאךְ אוֹיךְ זַיְין תּוֹרָה און מִצְוֹת צוּרִיקקֶערְן זִיךְ מִיט אִים.

## Uncovering Wisdom That Was Hidden

**5.** These principles – that presently our Divine service need not conform to logical structures and that we should carry out any and all types of Divine service presented to us – **apply not only to the revealed dimension of the Torah, but also to its inner, mystical dimension and the customs and practices associated with it.** An allusion to this can be found in words of our Sages cited previously:[18] **"Grab and eat"** can be interpreted as referring to **the Torah's revealed dimension, which is called "bread"**[24] **and**

ה. דָאס אַלְץ אִיז נִיט נָאר בַּנוֹגֵעַ גַּלְיָא דְתוֹרָה, נָאר אוֹיךְ בַּנוֹגֵעַ פְּנִימִיּוּת הַתּוֹרָה און אִירֶע מִנְהָגִים און פִירוּנְגֶען, און לוֹיט דֶער אָנְווַיְיזוּנְג פוּן רַז"ל: חֲטוֹף וֶאֱכוֹל (- גַּלְיָא דְתוֹרָה, וָואס אִיז גֶעגְלִיכְן צוּ לֶחֶם[יב]), חֲטוֹף וְאִישְׁתִּי (-

---

**18.** ***Eruvin*** **54a.**

**19.** ***Tanya,*** **ch. 17,** with regard to the Divine service of the wicked.

**20.** Ibid., **end of ch. 39.**

21. The term *Pnimiyus haTorah* refers to the teachings of Kabbalah, particularly as illuminated by the Baal Shem Tov and the Rebbeim who followed him.

**22. The Alter Rebbe's *Shulchan Aruch, Hilchos Talmud Torah* 4:3.**

23. *II Shmuel* 14:14, as interpreted by the Alter Rebbe in *Tanya* and in his *Shulchan Aruch, op. cit.*

**24.** *Chagigah* 14a, *et al.* **See *Likkutei Torah, Vayikra,* pp. 40b, 48b.**

**"Grab and drink"** can be interpreted as concerning **the Torah's inner, mystic dimension, which is compared to water.**[25]

**True, in previous generations, one could not begin the study of *pnimiyus haTorah* until he underwent many preparatory** stages. **Nevertheless,** the world's spiritual climate has changed. **In the present time, "it is a *mitzvah* to reveal this wisdom."[26] This is especially true after the revelation of the teachings of *Chassidus* by the Baal Shem Tov, the Alter Rebbe, and their successors.** *Pnimiyus haTorah* **has** now **become like all the disciplines of Torah study, and every Jew is obligated to study all the Torah's disciplines.**[27]

פְּנִימִיּוּת הַתּוֹרָה, וָואס אִיז גֶעגְלִיכְן צוּ מַיִם"[יג]).

הֲגַם אַז מִיט דוֹרוֹת פְרִיעֶר הָאט מֶען נִיט גֶעקֶענְט אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען פְּנִימִיּוּת הַתּוֹרָה בִּיז מֶען אִיז פְרִיעֶר דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען כַּמָּה וְכַמָּה הֲכָנוֹת, אִיז אָבֶּער אִין דִי הַיְינְטִיקֶע דוֹרוֹת "מִצְוָה לְגַלּוֹת זֹאת הַחָכְמָה"[יד] (אַ מִצְוָה צוּ אַנְטְפְּלֶעקְן דִי דָאזִיקֶע חָכְמָה), וּבִפְרַט, נָאךְ דֶער הִתְגַּלּוּת פוּן תּוֹרַת הַחֲסִידוּת דוּרְךְ דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן כְּבוֹד קְדוּשַּׁת אַדְמוּ"ר הַזָּקֵן אוּן זַיְיעֶרֶע נָאכְפָאלְגֶער, אִיז דָאס גֶעוָוארְן אַזוֹי וִוי אַלֶע חֲלָקִים פוּן תּוֹרָה וָואס יֶעדֶער אִיד אִיז דָאךְ מְחוּיָּב לֶערְנֶען אַלֶע חֲלָקִים פוּן תּוֹרָה[טו].

## For the Light to Dawn

**6. This approach – "Grab and eat; grab and drink,"** i.e., **continually increasing one's observance of the Torah and its *mitzvos* without reckoning with one's** spiritual **standing** or questioning **whether one is fit for** or worthy of **such** study or practice **– is comparable to a dream** in which two opposites can coexist.

Moreover, this approach relates not only to dreams and exile, but also to the manner through which the Jews will emerge from exile. **Through increasing the light of the Torah and its *mitzvos*,** through that light **itself,** we will awaken ourselves and the world **from the slumber of exile and bring the true light of redemption,** as it is written,[28] **"G-d will be an eternal light for you."** And, **as we see** in actual life, **a person** naturally **wakes from sleep when light** shines.

ו. אוּן דוּרְךְ דֶער הַנְהָגָה פוּן חֲטוֹף וֶאֱכוֹל חֲטוֹף וְאִישְׁתֵּי, אַז מֶען וֶועט זִיךְ נִיט רֶעכֶענֶען מִיטְן אֵייגֶענֶעם צוּשְׁטַאנְד צִי מֶען הָאלְט דֶערְבַּיי צִי נִיט, נָאר מֶען וֶועט הַאלְטְן אִין אֵיין מֶערְן אִין תּוֹרָה וּמִצְוֹת (וָואס דָאס אִיז עֶנְלֶעךְ צוּ דֶעם עִנְיָן פוּן חָלוֹם כַּנַּ"ל),

– אִיז דוּרְךְ דֶעם מֶערְן דֶעם אוֹר פוּן תּוֹרָה וּמִצְוֹת גּוּפָא, נֶעמְט מֶען אַוֶועק דֶעם גָּלוּת־שְׁלָאף אוּן מֶען בְּרֶענְגְט דֶעם אֱמֶת'ן אוֹר הַגְּאוּלָּה, הֲוָיָ' יִהְיֶה לָּךְ לְאוֹר עוֹלָם[טז], אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אַז בְּשַׁעַת עֶס וֶוערְט לִיכְטִיק כַאפְּט מֶען זִיךְ אוֹיף פוּן שְׁלָאף.

---

25. See also *Likkutei Sichos,* Vol. 2, p. 432.

26. *Tanya, Iggeres HaKodesh,* Epistle 26, citing the *Arizal.* See the introduction to *Eitz Chayim* by Rav Chayim Vital.

27. See the Alter Rebbe's *Shulchan Aruch, Hilchos Talmud* 1:4, 2:10.

28. *Yeshayahu* 60:20.

## The Ultimate Awakening

7. The above concepts point to **the lesson to be taken from the fact that dreams led to the exile in Egypt and the** ensuing **exodus from that land. The exile in Egypt was the most difficult exile. For that reason, all** subsequent **exiles are** also **referred to as *Mitzrayim*** (**"Egypt).**[29] **Nevertheless, that exile specifically led to** a significant advance, as alluded to G-d's promise to Avraham,[30] **"Afterwards, they will emerge with great wealth."**

**Similar concepts apply regarding the present exile. True, all of our Divine service during the era of exile is comparable to a dream** state. **Nevertheless,** the transcendent quality **of dreams enables one to attain a loftier level** of Divine service, to ascend to a rung higher than any expectations, **and to increase the light of the Torah and its *mitzvos*. This** light will rouse us and the world **from the slumber of exile and lead to** the fulfillment of G-d's promises,[31] **"As in the days of your exodus from Egypt, I will show [My people] wonders."** This will take place **with the coming of *Mashiach* speedily, in our days.**

ז. און דָאס אִיז דִי אָנְוַוייְזוּנְג פוּן דֶעם וָואס חֲלוֹמוֹת זַיְינֶען גֶעוֶוען אַ סִיבָּה צוּ גָלוּת מִצְרַיִם און יְצִיאַת מִצְרַיִם.

גָלוּת מִצְרַיִם אִיז גֶעוֶוען דֶער שְׁווֶערְסְטֶער גָלוּת, דֶערְפַאר וֶוערְן אַלֶע גָלְיוֹת אָנְגֶערוּפְן מִצְרַיִם[יז], פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אִיז מֶען דַוְקָא דוּרְךְ דֶעם גָלוּת צוּגֶעקוּמֶען צוּם "וְאַחֲרֵי כֵן יֵצְאוּ בִּרְכוּשׁ גָדוֹל"[יח].

אַזוֹי אוֹיךְ אִין אִיצְטִיקְן גָלוּת, כָאטשׁ דִי גַאנְצֶע עֲבוֹדָה אִין דֶער צַייְט פוּן גָלוּת אִין אַן עִנְיָן פוּן חָלוֹם, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן, אִיז אַדְרַבָּה, מִצַד דֶעם גוּפָא וָואס עֶס אִיז אִין אַן אוֹפֶן פוּן חָלוֹם, קֶען מֶען זִיךְ אַרוֹיפְכַאפְּן צוּ אַ הֶעכֶערֶער מַדְרֵיגָה, אִין אַן אוֹפֶן פוּן אִיבֶּערְשְׁפְּרִינְגֶען, און מֶערְן דֶעם אוֹר פוּן תּוֹרָה וּמִצְוֹת, וָואס דָאס נֶעמְט אַוֶועק דֶעם שְׁלָאף פוּן גָלוּת און בְּרֶענְגְט צוּם "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת"[יט], בְּבִיאַת מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ.

(משיחת חג הגאולה, י״ט כסלו, תשי״ז)

---

29. *Bereishis Rabbah* 16:4.

30. *Bereishis* 15:14.

31. *Michah* 7:15.

---

א) לקוטי תורה מהאריז״ל פרשת תצא.
ב) אין פרשה וישב, כח, ג.
ג) עיין ברכות נה, סוף ע״ב. וקל להבין.
ד) תניא פכ״ה.
ה) פרה פ״ח מ״ט. זע אויך לקו״ש ח״א עמוד 36 הערה 22.
ו) ספר המאמרים תש״ט ע׳ 108 אות ב.
ז) מער אויספירלעך זע שיחת חג הפסח תשח״י.
ח) עירובין נד, א.
ט) תניא פי״ז.
י) ספל״ט.
יא) הלכות תלמוד תורה פ״ד ה״ג.
יב) לקוטי תורה בהר מ, ב. בחוקותי מח, ב.
יג) זע אויך לקו״ש ח״ב ע׳ 432.
יד) אגרת הקדש סכ״ו אין נאָמען פון אריז״ל.
טו) זע הלכות תלמוד תורה לרבנו הזקן פ״א ס״ד. פ״ב ס״י.
טז) ישעי׳ ס, כ.
יז) מדרש רבה בראשית פ׳ טז, ד.
יח) בראשית טו, יד.
יט) מיכה ז, טו.

# MIKEITZ II | מקץ ב

Adapted from a *sichah* delivered on Shavuos, 5713 (1953)

## Introduction

It is a well-known truism that adversity brings out hidden strengths. Facing challenges forces us to dig deeper, to discover resilience we did not know we possessed. This principle applies in spiritual life as much as in any other endeavor.

But the teaching that follows goes beyond this familiar concept in two crucial ways.

First, Yosef's greatness was not merely that he descended into the material world and then rose above it. Rather, even while thoroughly engaged in Egypt's commercial and political affairs – immersed in matters that would ordinarily distance a person from G-dliness – he remained in a state of complete unity (*d'veikus*) with the Divine. His spiritual consciousness was not set aside during his worldly activities; it permeated them. He functioned on two planes simultaneously: fully present in the material realm, yet never separate from G-d.

Second, the power Yosef accessed through his descent into "the land of my hardship"[1] was not simply the hidden strength within his own soul. Instead, he succeeded in confronting these challenges by going beyond himself and connecting with G-d's very Essence – a dimension of Divinity so transcendent that it defies all limitations and provides truly insurmountable strength. He prevailed not because he discovered strength that was already within his soul, but because he accessed what lies infinitely beyond.

1. *Bereishis* 41:52.

# A Springboard for Growth

## A *Tzadik* in the Land of Hardship

**1. The concept – that specifically through exile, one achieves a great ascent – is also reflected in this week's Torah reading.** Yosef **named** his second son, **Ephraim (אֶפְרָיִם),**[1] **because "G-d made me fruitful (הִפְרַנִי) in the land of my hardship." It is specifically "the land of [his] hardship" that made** Yosef **"fruitful"**; it brought him increased light.[2]

**Yosef's innate spiritual level was extremely lofty.** *Toras Chayim*[3] **and other sources clarify** that this is **the reason Yosef was punished for** asking the butler to mention him to Pharaoh.[4] He should not have **sought natural means** to resolve his difficulties.

True, **Yaakov also did so.**[5] However, **Yaakov** related to a level of G-dly light that could be enclothed **within** and adapted to the structure of ***Seder Hahishtalshelus,*** the chainlike progression of existence which is the source of the natural order. Therefore, **he worried that perhaps his sins would influence** his fate.[6] **Accordingly, he needed to seek natural means.**

**Yosef, by contrast,** was identified as *tzaddik elyon,* **"the sublime *tzadik.*" On his level, he should not have feared anything and should not have used natural means.**

Similar concepts **are also explained in the above source concerning the verse,**[7] **"Yosef recog-**

א. דֶער דֶערְמָאנְטֶער עִנְיָן - אַז דוּרְכְן גָלוּת דַוְקָא ווֶערְט אַ גְרֶעסֶערֶע עֲלִיָּה, אִיז מְרוּמָּז אוֹיךְ אִין הַיְינְטִיקֶער סֶדְרָה, אִין דֶעם טַעַם פַארְווָאס אֶפְרַיִם אִיז אָנְגֶערוּפְן גֶעווָארְן מִיט דֶעם נָאמֶען, ווַיְיל "כִּי הִפְרַנִי אֱלֹקִים בְּאֶרֶץ עָנְיִי". דוּרְךְ אֶרֶץ "עָנְיִי" (אָרֶעמְקַיְיט) דַוְקָא אִיז גֶעווָארְן דֶער הִפְרַנִי (מֶערְן מִיךְ), אַ תּוֹסְפוֹת אוֹר אִין יוֹסֵף'ן.

דִי מַעֲלָה פוּן יוֹסֵף פַאר זִיךְ אַלֵיין אִיז זֵייעֶר אַ הוֹיכֶע. אוּן ווִי דֶערְקלֶערְט אִין תּוֹרַת חַיִּים[כ] אוּן אִין פַארְשִׁידֶענֶע עֶרְטֶער דֶער טַעַם פַארְווָאס יוֹסֵף אִיז בַּאשְׁטְרָאפְט גֶעווָארְן פַאר דֶעם ווָאס עֶר הָאט גֶעמַאכְט כֵּלִים אִין טֶבַע, כָאטשׁ אַז יַעֲקֹב הָאט אוֹיךְ אַזוֹי גֶעטָאן[כ*], ווַיְיל יַעֲקֹב אִיז גֶעווֶען אִין סֵדֶר הִשְׁתַּלְשְׁלוּת, הָאט עֶר מוֹרָא גֶעהַאט שֶׁמָּא יִגְרוֹם הַחֵטְא[כא], דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶעדַארְפְט מַאכְן כֵּלִים אִין טֶבַע, אָבֶער יוֹסֵף צַדִּיק עֶלְיוֹן, הָאט מִצַּד זַיְין מַדְרֵגָה נִיט גֶעדַארְפְט מוֹרָא הָאבְּן פַאר קֵיינֶע עִנְיָנִים אוּן נִיט גֶעדַארְפְט אָנְקוּמֶען צוּ טֶבַע.

דָאס זֶעלְבֶּע שְׁטֵייט דָארְט אוֹיךְ - אוֹיפְן פָּסוּק וַיַּכֵּר יוֹסֵף אֶת אֶחָיו וְהֵם

1. *Bereishis* 41:52.

2. The words "made me fruitful" imply that not only did the hardship Yosef face increase his power to influence others but that he too – despite his inherent lofty level – became elevated as a result.

3. *Toras Chayim, **Bereishis,*** **the *maamar* entitled** ***Ben Poreis Yosef,*** p. 248a, in the latest edition.

4. *Rashi, Bereishis* 40:23.

**5. I.e., it was considered a sin for Yosef to have asked** Pharaoh's **chief butler to speak favorably about him to Pharaoh (*Rashi*, *Bereishis* 40:23). By contrast, Yaakov** was not judged in such a manner, even though he tried to appease **Esav** and sought his **forgiveness by sending him presents and calling him "My lord."**

**6. *Berachos* 4a.**

7. *Bereishis* 42:8.

**nized his brothers, but they did not recognize him." Yosef's brothers, like the Patriarchs, were shepherds, removed from the world,** choosing this occupation **so that the world would not disturb their** connection with G-d.

**Yosef, by contrast, was on such a** lofty spiritual **level that he could be** thoroughly invested **in worldly** activities and yet remain at one with G-d. He served as the **ruler of Egypt,** the world's commercial center at the time. Pharaoh had decreed, **"without your [consent], no man shall raise his arm."**[8] The simple meaning of that verse[9] – and our Sages[10] emphasize that **"a person never departs from a simple meaning"** – is that before **an Egyptian** could **don his weaponry, he would have to ask Yosef. Even while Yosef was engrossed in such activities, he was at the same time utterly at one (*davuk*) with G-dliness.** For this reason, his brothers were unable to recognize him. They could not understand how he could be so involved with material matters and still maintain such a lofty spiritual consciousness.

**Nevertheless, despite** being on such an elevated spiritual rung, Yosef had to experience **"the land of my hardship"** before **becoming fruitful,** i.e., being elevated to a higher level.

לֹא הִכִּירוּהוּ - דֶער טַעַם, פַארְוָואס זַיְינֶען דִי שְׁבָטִים, אַזוֹי אוֹיךְ דִי אָבוֹת, גֶעוֶוען רוֹעֵי צֹאן (פַּאסְטוּכֶער), אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט פוּן וֶועלְט, בִּכְדֵי אַז וֶועלְט זָאל זֵיי נִיט שְׁטֶערְן.

אָבֶּער יוֹסֵף אִיז גֶעוֶוען אִין אַזַא מַדְרֵיגָה, אַז עֶר הָאט גֶעקֶענְט זַיְין אִין וֶועלְט, אַ הֶערְשֶׁער אִין מִצְרַיִם, אַז "בִּלְעָדֶיךָ לֹא יָרִים אִישׁ גו'", וָואס אֵין מִקְרָא יוֹצֵא מִידֵי פְּשׁוּטוֹ, יֶעדֶער מִצְרִי וֶוען עֶר הָאט גֶעווָאלְט אָנְטָאן כְּלֵי זַיִן הָאט עֶר גֶעדַארְפְט פְרֶעגְן בַּיי יוֹסֵף'ן, אוּן כָאטשׁ יוֹסֵף הָאט זִיךְ דֶערְמִיט פַארְנוּמֶען, אִיז עֶר בְּשַׁעַת מַעֲשֶׂה גֶעשְׁטַאנֶען בְּתַכְלִית הַדְּבֵיקוּת בֵּאלֹקוּת.

נָאךְ דֶעם אַלֶעמֶען, דוּרְךְ וָואס אִיז עֶר צוּגֶעקוּמֶען צוּ "הִפְרַנִי" - דוּרְךְ "בְּאֶרֶץ עָנְיִי" דַוְקָא.

## Where the Divine Intent Lies

**2. The narrative of Yosef serves as a lesson for all Jews. The soul's descent into the body – to this material world in general – and** the challenges it confronts **in the era of exile in particular are not intended to cause hardship. Instead, they possess a unique virtue.**

ב. דֶער דֶערְמָאנְטֶער סִיפּוּר מִיט יוֹסֵף'ן אִיז אַן אָנְוַוייזוּנְג צוּ אַלֶע אִידְן, אַז דֶער עִנְיָן פוּן יְרִידַת הַנְשָׁמָה בְּגוּף אִין עוֹלָם הַזֶה בִּכְלַל אוּן אִין דֶעם זְמַן הַגָלוּת בִּפְרַט, אִיז דָאס נִיט חַס וְשָׁלוֹם אוֹיף מַאטֶערְן זִיךְ, נָאר אִין דֶעם אִיז פַארַאן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע מַעֲלָה.

---

8. *Ibid.* 41:44.

9. See *Onkelos* and *Rashi* on *Bereishis,* loc. cit.

10. *Rashi, Bereishis* 37:17, *et al.*

**The ultimate purpose of the downward, chain-like progression of different planes of existence is not for the sake of the lofty** spiritual **realms.**[11] On the contrary, by coming into existence, those realms experience **a descent from the radiance of His countenance. Instead, the** ultimate **purpose is this** lowly **material world, because the power of G-d's Essence is vested in this world.**

**In this world itself,** it is necessary to permeate the lowest levels and undergo hardship and difficulty. For this reason, **before the exile in Egypt,** the Jews **could not receive the Torah. Specifically, by** experiencing **the iron crucible**[12] **of the Egyptian exile,** the Jews **became** fit **receptacles for the Torah. Our Sages**[13] emphasize this point, **stating that the Jews received the Torah because of their descent into Egypt.**

דֶער תַּכְלִית[כב] פוּן הִשְׁתַּלְשְׁלוּת הָעוֹלָמוֹת אִיז נִיט צוּלִיבּ דִי עוֹלָמוֹת הָעֶלְיוֹנִים, ווִיבַּאלְד אַז פַאר זֵיי אִיז עֶס אַ יְרִידָה מֵאוֹר פָּנָיו יִתְבָּרֵךְ, נָאר דֶער תַּכְלִית אִיז אִין עוֹלָם הַזֶּה הַתַּחְתּוֹן דַּוְקָא, ווָארוּם אִין עוֹלָם הַזֶּה שְׁטֵייט דֶער כֹּחַ הָעַצְמוּת.

אוּן אִין עוֹלָם הַזֶּה גוּפָא - הָאט מֶען פַאר גָּלוּת מִצְרַיִם נִיט גֶעקֶענְט מְקַבֵּל זַיְין דִי תּוֹרָה, נָאר דַּוְקָא דוּרְכְן כּוּר הַבַּרְזֶל פוּן גָּלוּת מִצְרַיִם אִיז מֶען גֶעווָארְן כֵּלִים אוֹיף קַבָּלַת הַתּוֹרָה, אוּן ווִי עֶס דַּרְשֶׁ'נֶען[כג] רַזַ"ל, אַז פַארְווָאס הָאבְּן אִידְן מְקַבֵּל גֶעווֶען דִי תּוֹרָה - ווַיְיל לְמִצְרַיִם יְרַדְתֶּם כו'.

## Calling Forth G-d's Essence

**3. These concepts are also** alluded to by **the verse,**[14] **"I sent (*tirgalti*)** [a leader] **to Ephraim…"**

Our Sages **state**[15] **that had even one** – whoever that one would have been – **of the 600,000 men at the Giving of the Torah not been present, the Torah would not have been given, Heaven forbid, even to Moshe. This** point **is hinted at by the verse,**[16] **"I (*Anochi*) am in the midst of 600,000 people on foot." Because of the presence of each of those 600,000** at Sinai – including **even** those who are comparable to **feet – the Torah was given,** and G-d's declaration, ***Anochi Havayah Elokecha*** **("I am** G-d your L-rd") was made. **Indeed, the presence of** the Jews comparable to **feet was of primary impor-**

ג. אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ ווָאס עֶס שְׁטֵייט[כד] וְאָנֹכִי תִרְגַּלְתִּי לְאֶפְרַיִם:

בַּיי מַתַּן תּוֹרָה שְׁטֵייט[כה], אַז אוֹיבּ עֶס ווָאלְט גֶעווֶען שִׁשִּׁים רִבּוֹא חָסֵר אֶחָד - זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט ווֵיינִיקֶער אֵיינֶער - (ווֶען דֶער אֶחָד ווָאלְט נִיט גֶעווֶען) ווָאלְט נִיט גֶעגֶעבְּן גֶעווָארְן דִי תּוֹרָה חַס וְשָׁלוֹם אֲפִילוּ צוּ מֹשֶׁה'ן. ווָאס דָאס אִיז דָאךְ מְרוּמָּז אִין פָּסוּק[כו], שֵׁשׁ מֵאוֹת אֶלֶף רַגְלִי הָעָם אֲשֶׁר אָנֹכִי בְּקִרְבּוֹ, אַז דוּרְךְ דֶעם ווָאס עֶס זַיְינֶען גֶעווֶען אַלֶע שֵׁשׁ מֵאוֹת אֶלֶף, אוֹיךְ דִי רַגְלַיִם (פִיס), אוּן דֶער

---

11. ***Tanya*, ch. 36.**

12. *Devarim* 4:20.

13. ***Shabbos* 88b.**

14. ***Hoshea* 11:3.** See the commentaries to that verse that explain that the intent of the word *tirgalti* is a leader who will lead the people at a gentle pace.

See also ***Likkutei Torah, Vayikra* 2a, *Bamidbar* 80b, the *maamar* entitled *Lecha Dodi,* 5689 (*Sefer HaMaamarim Kuntreisim,* Vol. 1, p. 21a),** which associate this verse with a leader or a *mashpia* (source of influence) lowering himself to relate to others with diminished capacities, even those on the level of feet. Also, speaking about a loftier level, these sources emphasize the connection between *Anochi,* G-d's Essence, and feet.

15. ***Mechilta D'Rashbi, Shmos* 19:11 (see also the *Mechilta*** to the verse); ***Devarim Rabbah* 7:8.**

16. ***Bamidbar* 11:21.**

**tance. (As explained in another source,[17] the feet refer to the Divine service of *kabbalas ol,* the acceptance of G-d's yoke.)** It was these 600,000 – the feet-like Jews, those whose Divine service stems from *kabbalas ol,* who enabled the Torah, **which begins with *Anochi,*** a reference to G-d's Essence, **to be drawn down to** – and to be internalized within – **Moshe.**

On this basis, it is possible to understand **the reference to Ephraim in the verse** cited above. **"G-d made me fruitful in the land of my hardship"** highlights Ephraim's unique spiritual **quality. Through** their descent into exile in **Egypt** – "the land of my hardship" – the Jews **reached the ultimate** spiritual **peak: the Giving of the Torah.** This motif is also hinted at by the verse, **"I (*Anochi*) sent [a leader] to Ephraim."** The root letters of the word ***tirgalti* (תִּרְגַּלְתִּי)**, translated as "I sent," **are the same as the word *regel* (רֶגֶל), meaning "foot." Through** Divine **service** described with the analogy of **feet, the Divine service of *kabbalas ol,* it is possible to relate to *Anochi,* He Who** can truly say **"I am,"[18]** G-d's Essence, which is above all description and definition.

עִיקָר דִי רַגְלַיִם (ווִי עֶס ווֶערְט אִין אַן אַנְדֶער אָרְט דֶערְקְלֶערְט דִי מַעֲלָה פוּן רֶגֶל - קַבָּלַת עוֹל), אִיז גֶעגֶעבְּן גֶעוואָרְן דִי תּוֹרָה וואָס הוֹיבְּט זִיךְ אָן מִיט אָנֹכִי, אַז עֶס אִיז נִמְשָׁךְ גֶעוואָרְן דֶער "אָנֹכִי" צוּ מֹשֶׁה'ן.

דֶערְפַאר אִיז בְּשַׁעַת דֶער פָּסוּק רֶעדט ווֶעגְן אֶפְרַיִם'ן, וואָס זַיְין עִנְיָן אִיז כִּי הִפְרַנִי אֱלֹקִים בְּאֶרֶץ עָנְיִי, אַז דוּרְךְ מִצְרַיִם קוּמְט מֶען צוּ צוּם תַּכְלִית הָעִילוּי פוּן מַתַּן תּוֹרָה, זָאגְט עֶר אוֹיף דֶעם - וְאָנֹכִי תִּרְגַּלְתִּי לְאֶפְרַיִם, אַז דוּרְךְ "תִּרְגַּלְתִּי" לְשׁוֹן רֶגֶל, - דָאס הֵייסְט דִי עֲבוֹדָה פוּן קַבָּלַת עוֹל, - דוּרְךְ דֶעם קוּמְט מֶען צוּ צוּם אָנֹכִי מִי שֶׁאָנֹכִי.

(משיחת חג השבועות, תשי"ג)

---

17. See *Likkutei Sichos,* Vol. 1, p. 104ff.

18. Regarding the phrase, "He who can truly say 'I am,'" see *Zohar,* Vol. III, pp. 11a, 257b; *Likkutei Torah, Bamidbar,* p. 80b, *et al.*

The descent to Egypt brought about a severe spiritual decline within the Jewish people. Nevertheless, it ultimately made possible the Giving of the Torah, at which time G-d's Essence was revealed. Similarly, through the Divine service of *kabbalas ol* – which can be considered a descent when compared to service of the mind and the heart – a person can bond with G-d's Essence.

---

כ) פרשת ויחי ד"ה בן פורת יוסף.

כ*) יוסף האָט געבעטן דעם שר המשקים ער זאָל זיך באַמיען ביי פרעה'ן אים צו באַפרייען און דאָס ווערט יוסף'ן פאַררעכנט פאַר אַ חטא (רש"י בראשית מ' כג), הגם אַז יעקב האָט זיך באַמיט ביי עשו'ן ער זאָל אים מוחל זיין דורך שיקן מתנות און רופן אים אדוני, מיין האַר.

כא) ברכות ד, א.

כב) תניא פל"ו.

כג) שבת פח, ב.

כד) הושע יא, ג. לקוטי תורה ויקרא ב, א. במדבר פ, ב. ד"ה לכה דודי תרפ"ט (סה"מ קונטרסים ח"א כא, א).

כה) מכילתא דרשב"י (וראה גם כן מכילתא) יתרו יט, יא. דברים רבה פ"ז, ח.

כו) במדבר יא, כא.

# CHANUKAH I | חנוכה א

Adapted from a *sichah* delivered on 21 Kislev, 5713 (1952)

## Introduction

Years ago, there were kerosene lanterns on every street corner. The local lamplighter would trudge through the night with a torch, going from lamp to lamp, igniting each one in turn.

Even in the cold and the dark, that lone figure would make his way through the night, leaving a path of light behind him.

Using this as an analogy, the Rebbe Rashab once said, "A chassid is a lamplighter. He goes forth with a long torch…. His mission is to kindle all the lanterns."

The Rebbe was asked, "And what if the lantern is found in a desert?"

"One must go there, too, and kindle the lantern," he answered.

"And if the lantern is far out in the sea?"

"One has to plunge into the water and kindle the lantern."[1]

In this *sichah*, the Rebbe charges us with becoming ambassadors of light – going out of our homes and comfort zones, into the darkness, and working there to spread light. Whether the conditions are inviting or difficult, there is a mission, and we have been given the privilege of being part of its fulfillment.

Seeing ourselves as people with a mission – and not just a job that must be done – redefines our identities. Good workers show up on time and contribute to a pleasant work environment; they carry out their jobs professionally, fulfilling whatever responsibilities they are charged with – and then they go home at 5 o'clock.

Then, there are those who have a mission, not a job. What concerns them is not what they were asked to do, but what has to be done. That is a continuous and ever-increasing endeavor.

---

1. *Sefer HaSichos 5701,* p. 136ff. The Rebbe discussed the above metaphor in a talk delivered on 13 Tammuz, 5722, which appears in *Toras Menachem – Hisvaaduyos 5722,* Vol. 34, p. 129ff.

# Learning from the Lights

## Different from the Source

**1. The *mitzvah* of Chanukah is to kindle lights. How does one make lights? One takes oil, wood,[1] or the like and warms them until** they catch fire, i.e., they are transformed from being **something physical and begin to illuminate the entire surroundings.**

**The lights we kindle on Chanukah derive from the lights kindled daily in the *Beis HaMikdash* before evening. At the time of the Chanukah miracle, there was no pure oil with which to kindle these lights.** Nevertheless, **G-d wrought a miracle and a cruse of pure oil closed with the seal of the *Kohen Gadol* was discovered. The oil in the cruse was sufficient to burn for only one day,** yet **a miracle occurred and it burned for eight days. To commemorate this miracle, we kindle lights on all eight nights of Chanukah.**

**Although the Chanukah lights stem from the lights of the** *Menorah* of the *Beis HaMikdash,* **they differ in several aspects:**

**a) In the *Beis HaMikdash*, the same number of lights was always** kindled. By **contrast, an additional light is added every night during Chanukah.**

**b) In the *Beis HaMikdash,* the lights were kindled specifically during the day,**

א. דִי מִצְוָה פוּן חֲנוּכָּה אִיז אָנְצִינְדְן לִיכְט. ווִי אַזוֹי שַׁאפְט מֶען לִיכְט? - מֶען נֶעמְט בּוֹימְל אָדֶער הָאלְץ אוּן דָאס גְלַייך, דָאס הֵייסְט אַ גַשְׁמִיּוּת'דִיקֶע זַאךְ, אוּן מֶען ווַארֶעמְט דָאס אָן, בִּיז עֶס ווֶוערְט אוֹיס גַשְׁמִי אוּן עֶס הוֹיבְּט אָן צוּ לַייכְטְן אִין דֶעם גַאנְצְן אַרוּם.

דִי לִיכְט ווָאס מֶען צִינְדט אָן חֲנוּכָּה, קוּמֶען פוּן דִי לִיכְט ווָאס מֶען פְלֶעגְט צִינְדְן אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ. אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ פְלֶעגְט מֶען יֶעדֶע נַאכְט צִינְדְן לִיכְט. אָבֶּער אִין דֶער צַייט פוּן נֵס חֲנוּכָּה אִיז נִיט גֶעווֶען קֵיין רֵיינֶע בּוֹימְל צוּ צִינְדְן דִי לִיכְט, הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעטָאן אַ נֵס אוּן מֶען הָאט גֶעפוּנֶען אַ פַךְ שֶׁמֶן טָהוֹר חָתוּם בְּחוֹתָמוֹ שֶׁל כֹּהֵן גָדוֹל - אַ קְרִיגְל רֵיינֶע בּוֹימְל, פַארְזִיגְלְט מִיטְן זִיגְל פוּן כֹּהֵן גָדוֹל, - דִי בּוֹימְל ווָאס אִין פַךְ אִיז גֶעווֶען גֶענוּג קוֹים אוֹיף אֵיין טָאג, אִיז גֶעשֶׁען אַ נֵס אוּן עֶס הָאט גֶעבְּרֶענְט אַכְט טֶעג. אִיז צוּם אָנְדֶענְק פוּן דֶעם נֵס צִינְדט מֶען לִיכְט, אַלֶע אַכְט טֶעג פוּן חֲנוּכָּה.

נִיט קוּקְנְדִיק אוֹיף דֶעם ווָאס דִי לִיכְט פוּן חֲנוּכָּה קוּמֶען פוּן דִי לִיכְט פוּן מִקְדָשׁ, פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן זַיינֶען זֵיי פַאנַאנְדֶערְגֶעטֵיילְט אִין עֶטְלֶעכֶע זַאכְן.

א) אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז אַלֶע מָאל גֶעווֶען דִי זֶעלְבֶּע צָאל לִיכְט. דַאקֶעגְן חֲנוּכָּה גִיט מֶען צוּ יֶעדֶער נַאכְט נָאךְ אַ לִיכְט.

ב) אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ פְלֶעגְט מֶען אָנְצִינְדְן דִי לִיכְט דַוְקָא בַּייטָאג, ווֶען ס'אִיז נָאךְ

1. Wood is being used only as an example of a combustible substance. It is not acceptable for a Chanukah lamp.

**when there was still ample** sun**light. By contrast, the Chanukah lights are kindled after sunset.**

c) **The lights of the** *Beis HaMikdash* **were** kindled **inside,** in the Sanctuary. **By contrast, the Chanukah lights are kindled "outside, at the entrance to one's home."**[2]

d) **The** ***mitzvah*** of kindling the **lights** of the *Menorah* in **the Sanctuary** that accompanied the Jews on their journey through the desert **and** in **the** *Beis HaMikdash* in Jerusalem was fulfilled, by and large, **in times when the Jews were not lacking material** prosperity.

**Especially in the era of the Sanctuary** that accompanied the Jews during their 40-year journey through **the desert, the Jews had everything they needed. Their food was manna** that descended **from heaven; their water came from Miriam's well; and their garments grew with them and were continually cleaned** by the Clouds of Glory.[3]

Later, **the** ***mitzvah*** **of** kindling **lights in the** ***Beis HaMikdash*** **in the era of** King **Shlomoh** was fulfilled in **similar circumstances. It was an era of peace; no one waged war against the Jews. On the contrary,** other nations **paid tribute to them.** The Jews dwelled in serenity, **"each man under his vine and each man under his fig tree."**[4]

**Similar concepts applied regarding** the Jews' **spiritual circumstances. A cause-and-effect relationship was involved: When the Jews had no material worries,** they were able **to devote themselves entirely to spiritual and Jewish matters, the Torah, and its** ***mitzvos.***

**By contrast, the Chanukah lights are associated with a miracle that occured at a time when** *Eretz Yisrael* **was ruled by the Greeks and the Jewish army was small in number. Similarly,** the Jews'

גֶעווֶען גוּט לִיכְטִיק. אָבֶער חֲנוּכָּה־לִיכְט צִינְדט מֶען נָאךְ דֶעם ווִי דִי זוּן פַארְגֵייט.

ג) נֵרוֹת הַמִּקְדָּשׁ זַיְינֶען גֶעווֶען אִינְוֵיינִיק, אוּן נֵרוֹת חֲנוּכָּה אִיז מִצְוָה לְהַנִּיחַ עַל פֶּתַח בֵּיתוֹ מִבַּחוּץ - אִינְדְרוֹיסְן.

ד) מִצְוַת נֵרוֹת הַמִּשְׁכָּן וְהַמִּקְדָּשׁ, אִיז גֶעווֶען אִין אַ צַיְיט וֶוען אִידְן הָאט נִיט גֶעפֶעלְט אִין גַשְׁמִיּוּת,

סְפֶּעצִיעֶל אִין דֶער צַיְיט פוּן מִשְׁכָּן אִין מִדְבָּר הָאבְּן אִידְן גֶעהַאט אַלְץ וָואס זֵיי דַארְפְן, עֶסְן הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט מָן מִן הַשָּׁמַיִם, ווַאסֶער הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט פוּן בְּאֵרָהּ שֶׁל מִרְיָם, אוֹיךְ דִי לְבוּשִׁים הָאבְּן מִיטְגֶעווַאקְסְן מִיט זֵיי, אוּן גֶעווֶען שְׁטֶענְדִיק רֵיין[כז].

אַזוֹי אִיז אוֹיךְ דִי מִצְוָה פוּן נֵרוֹת הַמִּקְדָּשׁ גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן בִּימֵי שְׁלֹמֹה, וָואס סְ'אִיז גֶעווֶען שָׁלוֹם אִין זַיְין צַיְיט. קֵיינֶער הָאט נִיט מִלְחָמָה־גֶעהַאט מִיט אִידְן, אַדְּרַבָּה, מֶען הָאט נָאךְ זֵיי גֶעצָאלְט מַס אוּן סְ'אִיז גֶעווֶען אִישׁ תַּחַת גַּפְנוֹ וְאִישׁ תַּחַת תְּאֵנָתוֹ[כח].

דָאס זֶעלְבֶּע אוֹיךְ אִין רוּחְנִיּוּת, וָוארוּם אַז מֶען הָאט נִיט קֵיין גַשְׁמִיּוּת'דִיקֶע דַאֲגוֹת, גִיט מֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן אַוֶועק אוֹיף תּוֹרָה וּמִצְוֹת, רוּחְנִיּוּת'דִיקֶע זַאכְן, אִידִישֶׁע זַאכְן.

דַאקֶעגְן אָבֶער נֵרוֹת חֲנוּכָּה זַיְינֶען פַארְבּוּנְדְן מִיט אַ צַיְיט וָואס דָאס לַאנְד אִיז גֶעווֶען אוּנְטֶער מֶמְשֶׁלֶת יָוָן אוּן דִי אִידִישֶׁע אַרְמֵיי אִיז גֶעווֶען זֵייעֶר אַ קְלֵיינֶע אִין צָאל, אַזוֹי אוֹיךְ

2. *Shabbos* 21b.

3. ***Rashi, Devarim*** 8:4.

4. *I Melachim* 5:5.

**spiritual situation** was lacking refinement, as reflected in the fact that **there was no pure oil, not even enough** to burn **one night.**

אִין רוּחְנִיּוּת, אִיז נִיט גֶעוֶוען קֵיין שֶׁמֶן טָהוֹר אֲפִילוּ אוֹיף אֵיין נַאכְט.

## Now Is Not Then

**2. All the above differences are interconnected: As mentioned, a Jew who enjoys material prosperity also prospers spiritually. When a Jew has** ample wealth, **he gives generously,** contributing **to spiritual causes with an open hand. There is no need for** him to go to **war** with himself or others; **self-sacrifice is not** necessary for him to accomplish his spiritual goals.

Accordingly, in a time of material and spiritual plenty, kindling **the same amount** of lights **every day suffices. There is no need to** constantly **add** lights. **Since** there are no impediments to counter, **everything can follow** an **ordinary pattern.**

**Similarly, no** special **efforts are needed to illuminate** one's external surroundings; **the "street," the world** at large, **is not dark.** As in the era of the *Beis HaMikdash*, **the *Menorah* burned inside the *Beis HaMikdash* and, as a natural consequence, the "street,"** the world at large, **was also illuminated.**

**However,** a different approach is necessary **in difficult times, in times of war** – especially when **war** was being waged **not only against the Greeks, but also against the Jews who had adopted a "Greek" lifestyle.**[5] In that era, **there were Jews who opposed the *Beis HaMikdash*** and what it stood for; they opposed Jewish **independence and** instead, **sought to assimilate with the Greeks.**

**During those difficult times, G-d gave the *mitzvah* of Chanukah lights. Under such** trying circumstances – now, as well as then – self-sacrifice, ***mesiras nefesh,*** **is called for. It is not**

ב. דִי אַלֶע חִילוּקִים זַיְינֶען פַארְבּוּנְדְן אֵיינֶע מִיט דִי אַנְדֶערֶע.

בְּשַׁעַת עֶס אִיז גוּט אִין גַשְׁמִיּוּת, וּבְמֵילָא אוֹיךְ אִין רוּחְנִיּוּת כַּנַ"ל,

- וָוארוּם וֶוען אַ אִיד הָאט, גִיט עֶר מִיט אַן אָפֶענֶער הַאנְט אוּן מִיט אַ בְּרֵייטֶער הַאנְט אוֹיף עִנְיָנִים רוּחְנִיִּים -

דַארְף מֶען נִיט הָאבְּן קֵיין מִלְחָמָה אוּן קֵיין מְסִירַת נֶפֶשׁ.

דַאן אִיז גֶענוּג אַז יֶעדֶער טָאג זָאל זַיְין דִי זֶעלְבֶּע צָאל, מֶען מוּז נִיט צוּגֶעבְּן נָאךְ, וָוארוּם עֶס גֵייט אַלְץ נָארְמַאל.

אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף מֶען נִיט לֵייגְן קֵיין הִשְׁתַּדְלוּת צוּ בַּאלַייכְטְן דִי גַאס. דִי גַאס, דִי וֶועלְט - אִיז נִיט פִינְסְטֶער. דִי מְנוֹרָה הָאט גֶעבְּרֶענְט אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וּבְמֵילָא אִיז גֶעוֶוען לִיכְטִיק אוֹיךְ אִין גַאס.

אָבֶּער אִין אַ צַיְיט פוּן אַ שְׁוֶוערְן מַצָּב, אַ צַיְיט פוּן מִלְחָמוֹת, אוּן נִיט נָאר מִלְחָמוֹת מִיט דִי יְוָנִים נָאר אוֹיךְ מִיט אִידְן מִתְיַוְּנִים[כט], וָוארוּם עֶס זַיְינֶען גֶעוֶוען אַזוֹינֶע אִידְן וָואס הָאבְּן נִיט גֶעהַאלְטְן פוּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, נִיט גֶעהַאלְטְן פוּן זֶעלְבְּסְטְשְׁטֶענְדִיקַיְיט אוּן גֶעוָואלְט אַסִימִילִירְן זִיךְ מִיט דִי יְוָנִים.

אִין אַזַא שְׁוֶוערְן צוּשְׁטַאנְד, הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן דִי מִצְוָה פוּן חֲנוּכָּה־לִיכְט. אִין אַזַא צַיְיט פָּאדֶערְט זִיךְ מְסִירַת נֶפֶשׁ.

---

5. See ***Bava Kama* 82b,** which gives an example of Jews who supported the Greeks.

**sufficient to** merely **kindle lights in one's own home; it is dark outside, and the darkness from the outside can creep into one's home.** To counteract that influence, we **must endeavor to illuminate the street,** the outside environment. Accordingly, **we kindle Chanukah lights when it is dark and** position them **specifically by the door,**[6] **to radiate light** not only for ourselves, but also for – and **into – the "street."**

**It is not enough to kindle lights on one's dinner table or desk and open the door so that** their light **will also shine** outward. **We must kindle the lights by the door, making special efforts to illuminate the street as well.**

**Moreover, it is not sufficient** to kindle **the same number of lights as on the previous nights, for we cannot content ourselves** with spiritually treading water, feeling satisfied **with being able to remain on the same** spiritual **level as the previous day without sinking lower. Instead, we must continually** strive to **advance higher and higher.**

אִין אַזַא צַײַט אִיז װײניק אַז מֶען זָאל מַאכְן לִיכְטִיק בַּײ זִיךְ אִין שְׁטוּב, װָארוּם אוֹיפְן גַאס אִיז פִּינְסְטֶער, אוּן דִי פִּינְסְטֶערְנִישׁ פוּן גַאס קֶען דוּרְכְשְׁפַּארְן אוֹיךְ אִין שְׁטוּב, דַארְף מֶען לֵייגְן הִשְׁתַּדְלוּת אוֹיף בַּאלַײכְטְן דִי גַאס, מֶען צִינְדט חֲנוּכָּה־לִיכְט װֶען ס'אִיז פִּינְסְטֶער אוּן לֶעבְן טִיר דַוְקָא, בִּכְדֵי צוּ בַּאלַײכְטְן דִי גַאס.

עֶס אִיז װֵײנִיק װָאס עֶר װֶעט צִינְדְן לִיכְט בַּײ זִיךְ אוֹיפְן טִישׁ װאוּ עֶר עֶסְט אָדֶער אוֹיפְן שְׁרַײבּ־טִישׁ אוּן עֶפֶענֶען דִי טִיר כְּדֵי אַז דִי לִיכְט זָאל לַײכְטְן אוֹיךְ אִין גַאס, נָאר מֶען דַארְף צִינְדְן דִי לִיכְט לֶעבְן טִיר, מֶען דַארְף לֵייגְן הִשְׁתַּדְלוּת אוֹיף בַּאלַײכְטְן דִי גַאס.

אוֹיךְ אִיז װֵײנִיק דִי צָאל לִיכְט פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיקֶע נֶעכְט. װָארוּם מֶען קֶען זִיךְ נִיט בַּאנוּגֶענֶען מִיט דֶעם װָאס מְ'אִיז נִיט גֶעװָארְן נִידֶערִיקֶער אוּן מֶען שְׁטֵײט אוֹיפְן זֶעלְבְּן מַצָּב פוּן נֶעכְטְן, נָאר מֶען דַארְף גֵיין אַלְץ הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער.

## Three Takeaways

**3. To summarize: In times of excessive darkness, we must remain unaffected by the** external **darkness that prevails. On the contrary, we must proceed with *mesiras nefesh* to illuminate the street, each day adding more lights, until we** are able to **bring more pure and clear oil.**

**These efforts must be carried out in the following manner:**

**a) We must not remain content with the amount of light we generated yesterday. Each day, we must add more – today, one light,**

ג. דֶער סַךְ הַכֹּל פוּן דֶעם אִיז:

אִין אַ צַײַט װָאס דִי פִּינְסְטֶערְנִישׁ אִיז גְרוֹיס, דַארְף מֶען נִיט נִתְפָּעֵל װֶערְן פוּן דֶער פִּינְסְטֶערְנִישׁ װָאס אִין גַאס, נָאר אַדְרַבָּה, מֶען דַארְף גֵיין מִיט אַ מְסִירַת נֶפֶשׁ בַּאלַײכְטְן דִי גַאס, אוּן יֶעדֶער טָאג צוּגֶעבְּן מֶער אוּן מֶער לִיכְטִיקַײט, בִּיז מֶען װֶעט בְּרֶענְגֶען נָאךְ שֶׁמֶן טָהוֹר, רֵיינֶע אוּן קְלָארֶע בּוֹימְל.

אוּן דֶער אוֹפֶן אִין דֶעם דַארְף זַײן:

א) מֶען דַארְף זִיךְ נִיט בַּאנוּגֶענֶען מִיט דֶער מָאס לִיכְט װָאס מְ'הָאט בַּאלוֹיכְטְן נֶעכְטְן, נָאר מֶען דַארְף אַלֶע טָאג צוּגֶעבְּן

6. Although Lubavitch custom is to kindle the Chanukah lights indoors, the spiritual theme of the original practice is still relevant.

**tomorrow, two, the day afterwards, three, etc. Beginning immediately with** the maximum or even **a large amount** of lights **is not feasible because we cannot make a great leap right away. We begin with** what is within reach – **one light. But we must be ready** to increase that light **straightaway – to kindle two lights tomorrow, and three on the next day.**

**b) We cannot content ourselves with illuminating our own homes and** hoping that, **as a natural consequence, the** outside environment **will also be illuminated. Instead, our endeavors must be focused on spreading light outside.**

**c) We must approach this** mission **with self-sacrifice,** going beyond our nature, **as the** Chanukah **miracle transcended nature.** If, while engaged in such efforts, **others cast disparaging glances, we should not be disturbed.** Instead, we must continue, **acting with *mesiras nefesh*, carrying out the mission with which G-d has charged us.**

נָאךְ. הַיְינְט אֵיין לִיכְט, מָארְגְן צְוֵויי, אִיבֶּערְמָארְגְן דְרַיי, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אָנְהוֹיבְּן בַּאלְד מִיט אַ סַךְ - קֶען מֶען דָאךְ נִיט שְׁפְּרִינְגֶען מִיט אַמָאל. מֶען הוֹיבְּט אָן מִיט אֵיין לִיכְט, אָבֶּער מֶען דַארְף בַּאלְד זַיְין גְרֵייט אוֹיף צִינְדְן מָארְגְן צְוֵויי לִיכְט אוּן אִיבֶּערְמָארְגְן דְרַיי.

ב) מֶען דַארְף זִיךְ נִיט בַּאנוּגֶענֶען דֶערְמִיט וָואס מֶען מַאכְט לִיכְטִיק בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ וּבְמֵילָא וֶועט זַיְין לִיכְטִיק אִין גַאס, נָאר מֶען דַארְף לֵייגְן הִשְׁתַּדְלוּת אוֹיף צוּ בַּאלַייכְטְן דִי גַאס.

ג) דֶער צוּגַאנְג צוּ דֶעם דַארְף זַיְין מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, אַזוֹי וִוי דֶער עִנְיַן נֵס - הֶעכֶער פוּן טֶבַע. מֶען קוּקְט אוֹיף אִים מִיט אַ קְרוּמֶער אוֹיג, דַארְף עֶר נִיט נִתְפָּעֵל וֶוערְן אוּן טָאן מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ אוֹיסְצוּפִירְן דִי שְׁלִיחוּת וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעשִׁיקְט.

## Ambassadors of Light

**4.** This is what is asked of every Jew: We all **must know that we are G-d's ambassadors** tasked with increasing **warmth within this material realm,** particularly in **our individual portion of the world, until it** blazes aflame and **illuminates** our entire **surroundings.**

Such efforts must progressively increase. **We cannot remain satisfied with what we achieved on the previous day, but** must **continually increase our light, conscious of what we achieved the day before so that we know how much to add the following day.**

**When we follow this path,** proceeding with ***mesiras nefesh*, not remaining content with illuminating our own selves, nor with what we already achieved, we can rest assured that** our efforts will bear fruit. In due course, **the** sur-

ד. אוּן דָאס מָאנְט מֶען בַּיי יֶעדֶער אִידְן. עֶר זָאל וִויסְן אַז עֶר אִיז אַן "אַמְבַּאסַאדָאר" פוּן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוֹיף צוּ אָנְוַוארֶעמֶען דִי גַשְׁמִיוּת פוּן זַיְין טֵייל וֶועלְט בִּיז אַז וֶועט בַּאלַייכְטְן אִים אוּן אוֹיךְ זַיְין סְבִיבָה.

אוּן דֶער אוֹפֶן אִין דֶעם דַארְף זַיְין, נִיט בַּאנוּגֶענֶען זִיךְ מִיט וָואס עֶר הָאט אוֹיפְגֶעטָאן נֶעכְטְן, נָאר אַלֶע טָאג צוּגֶעבְּן מֶער לִיכְט. מֶען דַארְף וִויסְן וָואס מְ'הָאט אוֹיפְגֶעטָאן נֶעכְטְן כְּדֵי צוּ וִויסְן וִויפְל צוּ מוֹסִיף זַיְין הַיְינְט.

אוּן בְּשַׁעַת מֶען גֵייט מִיט דֶעם וֶועג, - מֶען גֵייט מִיט אַ מְסִירַת נֶפֶשׁ, מֶען בַּאנוּגֶענְט זִיךְ נִיט דֶערְמִיט וָואס מֶען מַאכְט לִיכְטִיק בַּיי זִיךְ, אוּן מֶען בַּאנוּגְנְט זִיךְ נִיט דֶערְמִיט וָואס מְ'הָאט שׁוֹין אוֹיפְגֶעטָאן, - הָאט מֶען דֶעם צוּזָאג

אַז סוֹף סוֹף וועט טאַקע אַזוי, עס וועט ליכטיק אין גאַס, און אַלע מאָל מיט מער ליכט, ביז מען געפינט שמן טהור (ריינע בוימל) אויף אָנצינדן אין בית המקדש.

(משיחת כ״א כסלו, תשי״ג)

rounding environment **will become bright with light – and that light will continually increase – until,** ultimately, **we will find pure oil to kindle** the lights **in the** ***Beis HaMikdash*** once again.

---

כז) רש״י דברים ח, ד.
כח) מלכים א ה, ה.
כט) בבא קמא פב, כ.

# CHANUKAH II | חנוכה ב

Adapted from a *sichah* delivered on the fifth night of Chanukah, 5713 (1952)

## Introduction

The Jewish people are involved in an ongoing, interactive relationship with G-d. On one hand, the kindness and beneficence He grants us inspire us to further advance in our relationship with Him. On the other hand, our role in this relationship is not only that of recipients, gratefully accepting and building upon what G-d grants us.[1] Instead, we are partners in creation,[2] charged with the mission of bringing this world to its fulfillment. As such, we have the potential to influence the manner in which G-d governs this world as a whole and our lives in particular. In this vein, the Baal Shem Tov[3] interpreted the verse,[4] "G-d is your shadow on your right hand," to mean that just as a shadow follows the movements of one's limbs, so too, every action that we perform spirals upward to the spiritual realms, causing the manner in which G-d governs the world to mirror our actions.

The Chanukah story represents an archetypal illustration of this principle, teaching us that *we can make miracles*. Each of us possesses a spark of G-d,[5] infinite and unbounded as He is. When we tap into this infinite potential and express it through a total and unreserved commitment to His service, He responds in a manner that is not constrained by the limits of nature, bringing the cherished bond He shares with us to the surface in a miraculous manner.

---

1. This applies even when what He grants us does not appear good in our mortal eyes. See *Likkutei Sichos,* Vol. 2, p. 356ff. (translated in *Likkutei Sichos, Devarim,* p. 356ff.).

2. *Shabbos* 119b.

3. *Kesser Shem Tov, Hosafos,* p. 78.

4. *Tehillim* 121:5.

5. See *Tanya,* ch. 2.

# Miracles Depend On Us

## Two Unique Positive Qualities

**1. There are two elements that set apart the *mitzvah* of** kindling **Chanukah lights from all other *mitzvos*:**

**a) Regarding all** other *mitzvos*, in addition to **observing the *mitzvah* as required by law, there is** a higher standard of **observance,** carrying it out ***behiddur,* in a meticulous manner that beautifies the *mitzvah*.** However, with the exception of the Chanukah lights, **there are no** *mitzvos* that can be observed in a manner of ***mehadrin min hamehadrin,*** a mode which beautifies the *mitzvah* through even more meticulous observance.

**To cite support for this concept: The Talmud**[1] asks, **"To what extent should one go out of his way to perform a *mitzvah behiddur?*"** and answers, **"Until a third,"** i.e., one should spend up to one-third more than the cost of fulfilling the *mitzvah* in the ordinary manner. **Afterwards, the Talmud states, "Up to one-third [should come] from his own [resources]; from this point onward, [any additional sum spent to fulfill a *mitzvah behiddur* will come] from the Holy One, blessed be He."** Their intent is that G-d will reimburse the person for any additional expense he undertakes.

**Thus, we see that** even though **there are no limits to the extent to which a person can go to fulfill a *mitzvah behiddur,*** nevertheless, **this all is included** in one category: ***hiddur mitzvah.***

**By contrast, in addition to** the ordinary manner of fulfilling **the *mitzvah* of Chanukah lights,** there are two further categories: **fulfilling the *mitzvah behiddur* and also *mehadrin min hamehadrin.***

**b) With regard to all** other ***mitzvos*, the** overwhelming **majority of the Jewish people** content themselves

1. *Bava Kama* 9a-b.

א. דִי מִצְוָה פוּן נֵר חֲנוּכָּה אִיז אָפְּגֶעטֵיילְט פוּן אַלֶע מִצְוֹת אִין צְווֵיי זַאכְן:

א) אִין אַלֶע מִצְוֹת אִיז פַּארַאן דֶער קִיּוּם פוּן דֶער מִצְוָה כְּתִקוּנָהּ, אוּן דֶער הִידּוּר פוּן דֶער מִצְוָה. עֶס אִיז אָבֶּער נִיטָא קֵיין הִידּוּר מִן הַהִידּוּר.

אַ רְאָיָה אוֹיף דֶעם אִיז פוּן דֶעם וָואס דִי גְמָרָא זָאגְט: הִידּוּר מִצְוָה עַד כַּמָּה, עַד שְׁלִישׁ, אוּן דֶערְנָאךְ זָאגְט דִי גְמָרָא[א] אַז בִּיז אַ שְׁלִישׁ אִיז מִשֶּׁלּוֹ, וּמִכַּאן וְאֵילָךְ מִשֶּׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא. קוּמְט דָאךְ אוֹיס אַז מֶען קֶען מְהַדֵּר זַיְין אָן אַ שִׁיעוּר, אוּן דָאס אַלְץ גֵייט אַרַיְין אִין הִידּוּר מִצְוָה.

דַאקֶעגְן אָבֶּער בַּיי מִצְוַת נֵר חֲנוּכָּה אִיז פַּארַאן נִיט נָאר דִי מִצְוָה אַלֵיין אוּן נִיט נָאר דֶער הִידּוּר פוּן דֶער מִצְוָה, נָאר אוֹיךְ מְהַדְּרִין מִן הַמְהַדְּרִין.

ב) אִין אַלֶע מִצְוֹת, זַיְינֶען רוֹב אִידְן מְקַיֵּים בְּלוֹיז דִי מִצְוָה

with **merely the** standard **observance of the *mitzvah*. By contrast, the** universal **custom among the Jewish people**[2] **is to fulfill the *mitzvah* of Chanukah not only *behiddur,* but also as *mehadrin min hamehadrin.***

אַליין. אָבער אין דער מִצְוָה פון נֵר חֲנוּכָּה איז דער מִנְהָג בַּיי אַלע אידן[2] צו מְקַיֵּים זיין ניט נאר די מִצְוָה אַליין נאר אויך דעם הִידּוּר, און אֲפִילוּ דעם הִידּוּר מִן הַהִידּוּר.

## Miracles Beyond the Miraculous

2. ***Chanukah* is** celebrated in commemoration of **two miracles:**

**a) the Jews' military victory, which is commemorated through praise** (reciting *Hallel*) **and thanksgiving** (including the passage *Ve'al hanissim* in the *Modim* prayer), **and**

**b) the miracle of the cruse of oil, which** is commemorated by **kindling lights.**

**The concept of** fulfilling the *mitzvah* in a manner of ***mehadrin min hamehadrin* does not apply regarding the *mitzvah* of** prayers of **praise and thanksgiving, but only regarding the *mitzvah* of kindling lights, connected with the miracle of the cruse of oil.**

The fulfillment of the *mitzvah* of kindling Chanukah lights in a manner of *mehadrin min hamehadrin* by all Jews relates to the fact that **the miracle of the cruse of oil possesses a superior quality beyond all other miracles, including even the military victory** of Chanukah. The nature of this quality **can be clarified by first defining three modes** through which G-d grants the Jewish people beneficence:[3]

**a)** The beneficence which is granted according to the norms of **the natural order. Such** beneficence **can also be elevated above the norm;** man's efforts will be crowned with **success** that exceeds his expectations. **However, that success** – impressive as it may be – **is still** measured and **falls within the bounds of nature.**

**b) A miraculous mode that transcends nature, as was manifest in the military victory of Chanukah.**

ב. אין חֲנוּכָּה זַיינֶען פַאראַן צְווֵיי נִסִּים: א) דער נִצָּחוֹן פון דער מִלְחָמָה, וואָס אויף דעם האָט מען מְתַקֵּן גֶעווען הַלֵּל וְהוֹדָאָה. ב) דער נֵס פון פַּךְ הַשֶּׁמֶן, וואָס אויף דעם האָט מען מְתַקֵּן גֶעווען הַדְלָקַת הַנֵּרוֹת.

דער עִנְיָן פון מְהַדְּרִין מִן הַמְהַדְּרִין איז ניט אין מִצְוַת הַלֵּל וְהוֹדָאָה, נאָר אין מִצְוַת הַדְלָקַת הַנֵּרוֹת, וואָס עס איז פַארְבּוּנְדְן מִיטְן נֵס פון פַּךְ הַשֶּׁמֶן.

די מַעֲלָה פון נֵס מִיטְן פַּךְ הַשֶּׁמֶן אויף אַלע נִסִּים, וּבִכְלָלָם אויך דער נֵס פון נִצָּחוֹן אין דער מִלְחָמָה, וועט מען פַארְשְׁטֵיין נאָךְ אַ פְרִיעֶרְדִיקֶער דֶערְקְלֶערוּנְג אַז אין די הַנְהָגוֹת שֶׁלְמַעְלָה זַיינֶען פַאראַן דְרַייעֶרְלַיי אוֹפַנֵּי הַנְהָגוֹת:

א) הַנְהָגָה טִבְעִית, - אַ נַאטִירְלֶעכֶע אויפפִירוּנְג - וואָס זי גוּפָא קען זַיין אַ דֶערְהוֹיבֶּענֶע, בְּהַצְלָחָה. עס איז טַאקֶע אַן עִנְיָן פון הַצְלָחָה, אָבער פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן איז דאָס אַן הַצְלָחָה וואָס עַל פִּי טֶבַע.

ב) הַנְהָגָה נִסִּית וואָס איז הֶעכֶער פון טֶבַע. וואָס אַזוֹי איז אויך גֶעווען דער נִצָּחוֹן הַמִּלְחָמָה פון חֲנוּכָּה -

2. ***Rama, Orach Chayim* 671:2.**

3. Similar explanations are found in *Likkutei Sichos,* Vol. 15, p. 367ff.

**This was a miracle that surpassed the bounds of nature, for the "mighty were [vanquished by] the weak, the many [by] the few."**[4]

**The victory of mighty men over other mighty men is** included in the mode previously described – **success** within the natural order. **Since we are speaking about a war,** there is no guarantee who will prevail, and triumph involves success above the norm. **Nevertheless,** such a victory **is not miraculous.** By contrast, **when the mighty** are overcome **by the weak, the many by the few, that is a miracle that surpasses nature.**

c) A wondrous **mode that surpasses miracles involving material entities.** Wonders of this kind **are not** necessities, **matters vital for the body** (like the victory over the Greeks), **nor even for the soul** (enabling the observance of *mitzvos* as required by Jewish Law). **Instead,** this mode is manifest in miracles like **finding the** cruse of **pure oil, which gives expression to the soul** in its purest sense. This miracle was not necessary even for the soul, **for, according to law,** service of **a communal nature is permitted** in the *Beis HaMikdash* despite **ritual impurity.**[5] Thus, the *kohanim* **would have been allowed to light** the *Menorah* **even with impure oil. The miracle was performed solely to enable the Jews to fulfill a *mitzvah behiddur* – to demonstrate** that G-d **cherishes the Jewish people.**[6]

**אַ נֵס וואָס אִיז הֶעכֶער פוּן טֶבַע, וואָרוּם עֶס אִיז דאָך גֶעוועֶן גִּבּוֹרִים בְּיַד חַלָּשִׁים וְרַבִּים בְּיַד מְעַטִּים[4]. אויב עֶס וואָלט זַיין גִּבּוֹרִים בְּיַד גִּבּוֹרִים וואָלט דאָס אוֹיךְ זַיין הַצְלָחָה, וואָרוּם עֶס אִיז דאָךְ אַ מִלְחָמָה, אָבֶּער אַלֵץ נִיט נֵס. גִּבּוֹרִים בְּיַד חַלָּשִׁים וְרַבִּים בְּיַד מְעַטִּים, אִיז נֵס וואָס אִיז הֶעכֶער פוּן טֶבַע.**

ג) **הַנְהָגָה וואָס אִיז הֶעכֶער אוֹיךְ פוּן אַ נֵס. אַן עִנְיָן וואָס מוּז נִיט זַיין מִצַּד עִנְיָנִים פוּן גוּף, אָדֶער אֲפִילוּ פוּן נְשָׁמָה, נָאר דאָס אִיז אַ הִידּוּר, אוּן אִין עִנְיָנֵי הַנְּשָׁמָה, אָט דאָס אִיז גֶעוועֶן דֶער נֵס וואָס מְ'הָאט גֶעפוּנֶען דֶעם שֶׁמֶן טָהוֹר וואָס אִיז גֶעוועֶן אַן עִנְיָן וואָס אִיז פַארבּוּנְדְן נָאר מִיט דֶער נְשָׁמָה, אוּן נָאךְ מֶערֶער, עֶס אִיז גֶעוועֶן אוֹיף לְהַרְאוֹת חִבָּתָם שֶׁל יִשְׂרָאֵל (וואָרוּם עַל פִּי דִין הָאט מֶען גֶעקֶענְט צִינְדְן אוֹיךְ מִיט שֶׁמֶן טָמֵא, ווַייל טוּמְאָה דְחוּיָה אָדֶער הוּתְּרָה בְּצִבּוּר, אוּן דֶער נֵס אִיז גֶעוועֶן בִּכְדֵי לְהַרְאוֹת חִבָּתָם שֶׁל יִשְׂרָאֵל)[6].**

## Making Our Own Future

**3. Since all** the different modes of Divine conduct **are dependent on the Divine service of the** Jewish **people,**[7] it follows that **there are three** corresponding **types of Divine service that lead to the three modes** of beneficence **described above:**

**ג. הֱיוֹת אַז אַלֶע עִנְיָנִים שֶׁלְּמַעְלָה זַיינֶען אָפְּהֶענְגִיק אִין דֶער עֲבוֹדָה פוּן מֶענְטשְׁן, זַיינֶען פַארַאן דְרַיי אוֹפַנִּים אִין עֲבוֹדַת הָאָדָם, וואָס זַיי בְּרֶענְגֶען דִי דְרַיי הַנְהָגוֹת הַנַּ"ל.**

---

**4.** See passage *Ve'al hanissim.*

**5.** *Rambam, Hilchos Bi'as HaMikdash* 4:9ff. Note the Talmudic discussion in *Pesachim* 77a, *et al.*, as to whether the restrictions against ritual impurity **are released or** merely **overridden, with regard to sacrificial service of a communal nature.**

**6.** Commentary of *Pnei Yehoshua* (*Shabbos* 21b) and *Rosh Yosef* (*Shabbos* 21a); *Chacham Tzvi*, responsum 87. **See *Likkutei Sichos*, Vol. 1, p. 81ff.,** and Vol. 3, p. 813, *et al.*

7. Note the Alter Rebbe's well-known interpretation of the teaching (*Pirkei Avos* 2:1), "Know what is above you (ממך)" – that "what is Above is *from you*" – that the dynamics in the spiritual realms depend on you (*HaYom Yom*, entry 13 Iyar).

a) **The** beneficence granted through the **natural mode comes through** the Jews' **observance of the Torah and its *mitzvos,* as it is written,**[8] **"If you follow My statutes…. I will grant your rain in its time, and the land will yield its crop."** Similarly, as a result of the Jews' observance, G-d will bestow all **the other blessings** mentioned in that passage.

b) **The miraculous mode comes about through** the Jews fulfilling ***mitzvos behiddur,* not contenting themselves with observing the *mitzvos* merely as required by law, but fulfilling them in a more meticulous** and beautiful **manner. When a person endeavors to fulfill *mitzvos behiddur,* G-d** repays him **measure for measure,**[9] unfolding a **mode** of beneficence **that transcends nature.**

c) **The third mode** – one above miracles involving material things – **is evoked specifically through *mesiras nefesh*, which** demonstrates a commitment **even deeper than** that expressed through carrying out ***mitzvos behiddur.***

הַנְהָגָה טִבְעִית קוּמְט דוּרְךְ מְקַיֵּים זַיְין תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, ווִי עֶס שְׁטֵייט אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ[ה] גו׳ וְנָתַתִּי גִשְׁמֵיכֶם בְּעִתָּם וְנָתְנָה הָאָרֶץ יְבוּלָהּ, אוּן דִי אִיבֶּערִיקֶע בְּרָכוֹת.

הַנְהָגָה נִסִּית קוּמְט דוּרְךְ הִידוּר מִצְוָה דַוְקָא, בְּשַׁעַת אַז מֶען בַּאנוּגֶענְט זִיךְ נִיט מִיט מְקַיֵּים זַיְין דִי מִצְוֹת בְּלוֹיז ווִי עַל פִּי דִין, נָאר מֶען אִיז מְהַדֵּר אִין דֶער מִצְוָה, מֶען זוּכְט אַז דִי מִצְוָה זָאל זַיְין בְּהִידוּר, דַאן גִיט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה[ו], - דִי הַנְהָגָה שֶׁלְּמַעְלָה מֵהַטֶּבַע.

דִי דְרִיטֶע הַנְהָגָה אָבֶּער קוּמְט דוּרְךְ מְסִירַת נֶפֶשׁ דַוְקָא - ווָאס עֶס אִיז נָאךְ הֶעכֶער ווִי דֶער עִנְיָן פוּן הִידוּר מִצְוָה.

## Taking Oneself Out of the Picture

**4. The advantage of *mesiras nefesh* over *hiddur mitzvah*** is that *mesiras nefesh* lifts a person above his individual desires, even those of the realm of holiness. When a person fulfills **a *mitzvah behiddur,* he carries it out not because he has to, but because he derives satisfaction from doing so.** Therefore, **he fulfills it with vitality, seeking the optimum manner of observance, a way that beautifies** the *mitzvah,* **even though he is not obligated to do so.**

**To illustrate by way of analogy: A king's subjects obey his orders** with varying degrees of vitality. A subject who **finds no satisfaction in what he is doing – and obeys only because he must – will do only** what is required. **Since he gains no satisfaction** from what he does, he will do no more than the bare minimum, **without seeking to enhance** his actions in any way. **By contrast, when one cherishes what he is doing**

ד. דִי מַעֲלָה פוּן מְסִירַת נֶפֶשׁ אוֹיף הִידוּר מִצְוָה אִיז:

הִידוּר מִצְוָה מֵיינְט אַז עֶר טוּט נִיט דִי זַאךְ ווַייל עֶר מוּז דָאס טָאן, נָאר עֶר הָאט אַ גֶעשְׁמַאק אִין דֶעם אוּן טוּט דָאס מִיט אַ חֵשֶׁק אוּן אַ חַיּוּת. דֶערְפַאר זוּכְט עֶר אַלְץ ווִי צוּ פַארְבֶּעסֶערְן דָאס אוּן מַאכְן עֶס זָאל זַיְין שֵׁיין, הֲגַם עֶר אִיז נִיט מְחוּיָּב אִין דֶעם.

- דֶער מָשָׁל אוֹיף דֶעם אִיז פוּן אַ קְנֶעכְט ווָאס אִיז מְקַיֵּים דֶעם בַּאפֶעל פוּן דֶעם מֶלֶךְ, אִיז אוֹיב עֶר הָאט נִיט קֵיין גֶעשְׁמַאק אוּן קֵיין חַיּוּת אִין דֶעם, אוּן טוּט נָאר ווַייל עֶר מוּז מְקַיֵּים זַיְין דֶעם בַּאפֶעל, דַאן

---

8. *Vayikra* 26:3.

9. *Sanhedrin* 90a.

**and derives satisfaction from it, he** will fulfill the king's orders **energetically, in a manner that glorifies them.**

To return to the expression of the concept in our Divine service: Even a person who conducts himself in such a manner **possesses a sense of self.** ***He*** **derives satisfaction from the** ***mitzvah*** **and** ***he*** **desires to fulfill it. When he does so, he feels himself,** i.e., his identity. **By contrast,** when one acts with ***mesiras nefesh,*** his own identity is completely subsumed in the objective that he seeks to fulfill. His being – independent of fulfilling the command – does not exist at all; **he has no sense of self. His entire existence** consists of **carrying out G-d's will.**

**It does not matter to him whether he is** credited as **the one who thought** of the matter, **that he spoke** about it, or was **the one who actually carried it out. All he cares about is** what G-d wants and **that** His desire **be fulfilled. Accordingly, it does not matter to him whether he was the one who carried out** that desire **or if it was fulfilled by another person. All that is important is that the objective be carried out.**[10]

**Divine service of** ***mesiras nefesh*** involves **putting aside all thoughts of self, even of one's soul, and focusing primarily on carrying out** G-d's ***mitzvos*****. G-d then responds in kind, "measure for measure," manifesting Divine Providence that surpasses the miraculous,** revealing G-dliness in a manner **entirely** beyond the limits of ordinary material **existence.**

אִיז עֶר מְקַיֵּים נָאר דֶעם בַּאפֶעל אַלֵיין און זוּכְט נִיט צוּ מְהַדֵּר זַיְין אִין דֶעם, וַוייל עֶר הָאט נִיט קֵיין גֶעשְׁמַאק אִין דֶעם. דַאקֶעגְן אוֹיבּ דִי זַאךְ אִיז בַּיי אִים טַייְעֶר און עֶר הָאט אַ חַיּוּת אִין דֶעם, זוּכְט עֶר צוּ מְהַדֵּר זַיְין אִין דֶעם -

אָבֶּער פוּנְדֶעסְטְוועֶגְן אִיז עֶר אַ מְצִיאוּת פַאר זִיךְ, עֶס אִיז פַאַראן דֶער גֶעשְׁמַאק און דֶער ווִילְן ווָאס עֶר ווִיל מְקַיֵּים זַיְין דִי מִצְוֹת, און עֶס אִיז פַאַראן דֶער ווֶעלֶער. דַאקֶעגְן מְסִירַת נֶפֶשׁ הֵייסְט, אַז עֶר אִיז אִינְגַאנְצְן קֵיין מְצִיאוּת נִיט פַאר זִיךְ, און זַיְין גַאנְצֶע מְצִיאוּת אִיז מְקַיֵּים זַיְין דֶעם רָצוֹן הָעֶלְיוֹן.

עֶר אִיז נִיט אוֹיסְן אַז עֶר זָאל זַיְין דֶער "טְרַאכְטֶער", דֶער "זָאגֶער" און דֶער "טוּעֶר", עֶר אִיז אוֹיסְן אַז דִי זַאךְ זָאל זִיךְ אָפְּטָאן, וּבְמֵילָא אִיז אִים קֵיין נַפְקָא מִינָּהּ נִיט, צִי דִי זַאךְ קוּמְט דוּרְךְ אִים צִי דוּרְךְ אַן אַנְדֶערְן, אַבִּי דִי זַאךְ זָאל זִיךְ אָפְּטָאן.

און דוּרְךְ דֶער עֲבוֹדָה פוּן מְסִירַת נֶפֶשׁ, אַז עֶר לֵייגְט זִיךְ אַוֶועק אִינְגַאנְצְן, עֶר לֵייגְט אַוֶועק אֲפִילוּ זַיְין נְשָׁמָה, און דֶער עִיקָר אִיז בַּיי אִים מְקַיֵּים זַיְין דִי מִצְוָה, דַאן צָאלְט אָפּ דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה, אַז דִי הַנְהָגָה שֶׁלְּמַעְלָה אִיז הֶעכֶער פוּן נֵס, עֶס אִיז אַן עִנְיָן ווָאס אִיז אִינְגַאנְצְן נִיט פַארְבּוּנְדְן מִיט מְצִיאוּת.

## How We Can Make Miracles

5. During the events leading up to the **Chanukah miracle, the Jews adopted a stance of** ***mesiras nefesh*****.** In response, G-d **manifested the miracle**

ה. אַזוֹי ווִי חֲנוּכָּה זַיְינֶען אִידְן גֶעשְׁטַאנֶען מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, דֶערְפַאר אִיז דֶעמָאלְט גֶעווֶען דֶער נֵס פוּן

10. See *Likkutei Sichos,* Vol. 23, pp. 161-162.

**of the cruse of oil to demonstrate that He cherishes the Jewish people** in a way **that entirely** surpasses the limits **of** ordinary **existence.**

**By** fulfilling *mitzvos* ***behiddur,*** we can evoke **miracles that transcend nature. Nevertheless,** these miracles still relate to **the body,** i.e., to material **existence. Through *mesiras nefesh*, going beyond any concern for ourselves, we** can elicit **a Divine Providence that entirely transcends** ordinary material **existence.**

**The converse is also true. Divine Providence that entirely transcends** material **existence evokes a commitment of *mesiras nefesh* on the part of the Jewish people;** they put all thoughts of themselves aside.

This is universally relevant because the potential for ***mesiras nefesh*** **exists within all Jews, even the most coarse and least spiritually developed.** Regardless of a Jew's level of refinement or observance, this potential will be manifest **when** his essential connection to G-d is awakened. **(By contrast,** there are Jews who will not necessarily be inspired to **study Torah, give *tzedakah,* etc.)**

**On Chanukah, the *mesiras nefesh* of the Jewish people evoked a mode of Divine Providence that showed how G-d cherishes the Jewish people.** That in turn **called forth** a commitment of ***mehadrin min hamehadrin.*** The Jews committed themselves to observing the *mitzvos* **not only as required by law, or even *behiddur,* but in a manner of *mehadrin min hamehadrin,* putting themselves aside** entirely, expressing **utter self-nullification (*bittul*).**

Since such *bittul* represents the inner core of every Jew, the *mitzvah* of kindling **Chanukah lights is** universally **observed in a manner of *mehadrin min hamehadrin,* something not found regarding other *mitzvos.* Moreover, all Jews accepted this** mode of observance **because Chanukah as a whole is** identified with ***mehadrin min hamehadrin,*** **utter *bittul,* the aspect of *mesiras nefesh.***

פַּךְ הַשֶּׁמֶן אוֹיף צוּ בַּאוֵויְיזְן חִבָּתָם שֶׁל יִשְׂרָאֵל, וָואס עֶס הָאט נִיט קֵיין שַׁיְיכוּת מִיט עִנְיָנִים פוּן מְצִיאוּת. דוּרְךְ דֶעם עִנְיָן פוּן הִידּוּרִים אִיז דִי הַנְהָגָה פוּן נִסִּים שֶׁלְמַעְלָה מֵהַטֶּבַע, אָבֶּער עֶס אִיז פַּארְבּוּנְדְן מִיט גוּף, מִיט מְצִיאוּת. אָבֶּער דוּרְךְ מְסִירַת נֶפֶשׁ וָואס עֶר לֵייגְט אַוֶועק זַיְין מְצִיאוּת אִינְגַאנְצְן, אִיז דִי הַנְהָגָה מִלְמַעְלָה אִין אַן אוֹפֶן וָואס אִיז אִינְגַאנְצְן נִיט נוֹגֵעַ צוּ מְצִיאוּת.

אַזוֹי אוֹיךְ פוּן צְוֵוייטְן זַיְיט, אַז דִי הַנְהָגָה שֶׁלְמַעְלָה אִיז נִיט פַּארְבּוּנְדְן מִיט מְצִיאוּת, רוּפְט זִי אַרוֹיס בַּיי אִידְן אַן אַוֶועקְלֵייג פוּן מְסִירַת נֶפֶשׁ. אוּן דַוְקָא מְסִירַת נֶפֶשׁ אִיז דָא בַּיי אַלֶע אִידְן, אֲפִילוּ בַּיי אַ קַל שֶׁבְּקַלִּים וֶוען עֶס דֶערְנֶעמְט אִים' (אַנְדֶערְשׁ וִוי אִין דֶעם עִנְיָן פוּן תּוֹרָה, צְדָקָה וכו').

דֶערְפַאר, אִיז חֲנוּכָּה וָואס דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען דִי הַנְהָגָה לְמַעְלָה אוֹיף לְהַרְאוֹת חִבָּתָם שֶׁל יִשְׂרָאֵל - וָואס דָאס הָאבְּן אִידְן אַרוֹיסְגֶערוּפְן דוּרְךְ מְסִירַת נֶפֶשׁ - הָאט דָאס אַרוֹיסְגֶערוּפְן בַּיי אִידְן דֶעם עִנְיָן פוּן מְהַדְּרִין מִן הַמְהַדְּרִין. נִיט נָאר קִיּוּם הַמִּצְוֹת כְּתִקוּנָהּ, אוֹיךְ נִיט בְּלוֹיז קִיּוּם הַמִּצְוֹת בְּהִידּוּר, נָאר מְהַדְּרִין מִן הַמְהַדְּרִין, אַן אַוֶועקְלֵייג אוּן אַ בִּיטּוּל אִין גַאנְצְן.

אוּן דֶערְפַאר אִיז אִין נֵר חֲנוּכָּה פַארַאן דֶער עִנְיָן פוּן מְהַדְּרִין מִן הַמְהַדְּרִין וָואס עֶס אִיז נִיטָא בַּיי אַנְדֶערֶע מִצְוֹת, אוּן אַלֶע אִידְן הָאבְּן דָאס אָנְגֶענוּמֶען, וַוְיל דֶער גַאנְצֶער עִנְיָן פוּן חֲנוּכָּה אִיז מְהַדְּרִין מִן הַמְהַדְּרִין - בִּיטּוּל אִין גַאנְצְן, וָואס דָאס אִיז דֶער עִנְיָן פוּן מְסִירַת נֶפֶשׁ.

(משיחת נר ה' דחנוכה, תשי"ג)

ל) בבא קמא ט, ב.
לא) אורח חיים סימן תרע"א, ס"ב הגהת רמ"א.
לב) נוסח התפילה.
לג) זע לקו"ש ח"א עמוד 81 און ווייטער.
לד) ויקרא כו, ג.
לה) סנהדרין צ, א.
לו) תניא פי"ט. ד"ה אין הקב"ה בא בטרוניא תרפ"ה. ספר המאמרים תש"ט ע' 118.

CREDITS:

Copyright by Sichos in English

Rabbi Eliyahu Touger
Rabbi Sholom Ber Wineberg
*Translators*

Rabbi Sholom Zirkind
Rabbi Zalmy Avtzon
*Content Editors*

Uriella Sagiv
*Copy Editors*

Yosef Yitzchok Turner
*Typesetting*

Spotlight Design
*Layout and Cover*

Mayer Preger
*Advisory Board*

Rabbi Shmuel Avtzon
*Director, Sichos In English*

הרה״ת ר׳ משה יהודה בן ר׳ צבי יוסף ע״ה
Rabbi Moshe Kotlarsky OBM,
*whose commitment has brought this sacred initiative to fruition*

sie